NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12871

TANKES IN SHLAKHT

S. Amosov

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. אחאָסאָוו

טאנקעס שלאכט

מ. ס. ה. ★ ייִדסעקטער
מינסק ★ 1932

Ea 80337

ס. אמאָסאָוו

טאנקעס אין שלאכט

- יִדיש—בליאכער

מעלוכע־פארלאג פונ ווײַסרוסלאַנד
יִדסעקטער

מינסק 1932

אינהאלט

זײַט

אלגעמיינע ידיעות וועגן אָנווענדן די טאנקעס . . . 5

טיפּן פון טאנקעס 10

די יסודות פון דער ארבעט פון די טאנקעס אין שלאכט . 22

די ארבעט פון די טאנקעס אין ענגן קאָנטאקט מיט דער אינ־
פאנטעריע 24

די טאנקעס אינ דער באשיצונג און ארויסגייענדיק פון שלאכט . 46

די ארבעט פון די טאנקעס אָפּגעריסן פון דער אינפאנטעריע . 58

די ארבעט פון די טאנקעס צוזאמען מיט דער קאוואלעריע . 69

די ארבעט פון די טאנקעס אין באשטאנד פון די מאָטאָריזירטע .
און מאָטאָ־מעכאניזירטע טיילן 72

דרוקערײַ א. ג. סטאלין

באשטעלונג 262. טיראזש 3,000. גלאווליטבעל 49.

ס. אמאָסאָוו.—„טאנקעס אין שלאכט". אײנײנעם מיט די דערפאָלגן פון דער אינדוסטריאַליזאציע בא אונדז אין לאנד, וואקסט אויך די טעכנישע באוואָפענונג פון דער רויטער ארמיי. ניט נאָר דער קאָמאנדיר־באשטאנד, נאָר יעדער רויטארמייער דארף קענען באנוצן זיך מיט די מעכטיקע מיטלען פון טעכנישן קאמף, מיט וועלכע ס׳וועט ביס־לעכווײַז אָנגעזאפט די רויטע ארמיי. אונדזערע סאָנים באוואָפענען זיך ביז די ציין מיט דער נײַער טעכניק, בויענדיק טויזנטער טאנקעס, אעראָפּלאנען, טאנקעטקעס, גאַפאנצערטע מאשינעס, שאפנדיק מאָטאָריזירטע און מעכאניזירטע טײַלן. קלאָר, אז ווען אף די שלאכט־פעלדער וועט אויסקומען צו קעמפן קעגן דער טעכניק אָדער אָפּערירן געמײנזאם מיט איר,— וועט מען עס דארפן טאָן מיט פארשטאנד. דער ביכל פון כ׳ אמאָסאָוו איז אויסגערעכנט אף דעם ווייניק־צוגעגרייטן לייענער און גיט אײניקע ידיעות איבער פראגן פון באנוצן זיך מיט די טאנקעס אין שלאכט. אף די לעבעדיקע דערציילונגען פון די שלאכט־בײַשפּילן קען זיך גרינג פאנאנדערקלײַבן אין ביכל ניט נאָר אן איוורעדיקער רויטארמייער, נאָר אויך יעסוידער, וואָס איז אפילע ווייניק צוגעגרייט אין דער מיליטע־רישער זאך.

אלגעמײנע ידיעות װעגן אָנװענדן די טאַנקעס.

די טאַנקעס האָבן זיך צופֿעדשט באַװיזן אין דעם אימפּעריאַליסטישן קריג. די ערשטע טאַנקעס זײַנען געװען האַמעסנע, שפּילגײיענדיקע און ניטזיכערע אין שלאַכט. נאָר דאָך זײַנען זײ געװען מעכטיקע שלאַכט־מאַשינעס, װאָס האָבן פֿאַרײניקט אין זיך אַ פּאַנצער, פֿײַער־מיטלען (האַרמאַטן און קוילנװאַרפֿערס) און באַװעגלעכקײט אױפֿן שלאַכט־פֿעלד (רױפּן־באַװעגער[1]). דידאָזיקע גרונט־אײגנשאַפֿטן האָבן זײ געגעבן אַ מעגלעכקײַט העלפֿן דער אינפֿאַנטעריע אין אַן אַטאַקע, װאָס דידאָזיקע הילף האָט ניט געקענט געבן קײן אַנדער מין מיליטער.

טאַנקעס זײַנען געװען באַשטימט אױף פֿאַרניכטן קוילנװאַרפֿערס, װאָס דאָס האָט די אַרטילעריע פֿולקאָם ניט געקענט אױסשפּילן, װײַל די קוילנװאַרפֿערס פֿאַרבאַהאַלטן זיך און באַהאַלטן זיך נאָר דאַן, װען די אינפֿאַנטעריע (פּעכאָטע) גײט אַריבער אין אַטאַקע. די טאַנקעס האָבן טײלװײַז

[1] רױפּן־באַװעגער — гусеничный двигатель

געדאַרפט פאַרבײַטן די אַרטילעריע און, גייענדיק פֿאָרויס פון דער אינפאַנטעריע, אָפּרייניקן פאַר איר דעם וועג.

צום אָנהויב האָבן די טאַנקעס אָפּערירט צוזאַמען מיט דער אָנגרײַפנדיקער אינפאַנטעריע, עס הייסט, די טאַנקעס און די אינפאַנטעריע האָבן זיך געשלאָגן דירעקט איינער לעבן אַנדערן. אַדאַנק דעם האָט זיך פון די ערשטע טאַנקעס ניט געפאָדערט קיין גרויסע שנעלקײַט פון גאַנג, זיי האָבן געדאַרפט האָבן בלויז אַ גוטן פּאַנצער און אַ מעכטיקן פײַער.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אייגנשאַפטן פון די ערשטע טאַנקעס זײַנען אויף אונדזער קוק געווען נידעריקע, האָבן זיי פונדעסטוועגן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם זיג פון דער אַנטאַנטע איבער דײַטשלאַנד. נאָך דעם וועלט-קריג איז געניטע דערלערנט געוואָרן די דערפאַרונג פון באַנוצן זיך מיט זיי. דעם גאַנצן נאָכמילכאָמעדיקן פּעריאָד, האַרט ביז אונדזער צײַט, סטאַרען זיך די דערפינדער אָקשאָנעסדיק צו פאַרפולקאָמען דעם טאַנק, באַזײַטיקן אָדער פאַרקלענערן זײַנע דעפעקטן.

די נײַע טאַנקעס שיידן זיך אַסאַך אונטער פון די טאַנקעס, וואָס מע האָט באַנוצט אין דעם אימפּעריאַליסטישן קריג: די נײַע זײַנען—שנעל-גייענדיקע, רירעוודיקע און קענען לענגער זײַן אין שלאַכט און אין באַוועגונג. זיי פאַרמאָגן אַ פולקאָמערע באַוואָפענונג און קענען בעסער בײַקומען שטערונגען. דאָך זײַנען נאָך פיל, באַזונדערס אין פראַנקרײַך, פאַרבליבן אַלטע טאַנקעס, האַגאַם זיי זײַנען אַסאַך מאָדערניזירט געוואָרן. אינעם קינפטיקן קריג

וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען ווי מיט די נײַע טאַנקעס, אַזוי אויך מיט די אַלטע, מיט וועלכע די פראַנצויזישע רעגי־רונג באַזאָרגט פלײַסיק אירע פרײַנט, אין דעם אויך פּוילן.

די דערפאָלגן פון דער טאַנקעס־באַוועגונג האָבן פאַרברײ־טערט דעם געביט פון אָנווענדן די טאַנקעס אין די שלאַכט־אומשטענדן. נאָך בײַם דעם אימפּעריאַליסטישן קריג זײַנען פאַר די טאַנקעס געשטעלט געוואָרן אַ רײ פאָדערונגען: ניט נאָר באַגלייטן די אינפאַנטעריע, נאָר אויך לייזן אַ רײ נײַע פאַרשיידנאַרטיקע שלאַכט־אויפגאַבן.

אונדזער פעלד־סטאַטוט זאָגט (אַרטיקל 206): די טאַנקעס קענען אין אַן אָנגריף אָנגעווענדעט ווערן:

א) אויף אַ געמיינזאַמער אַטאַקע צוזאַמען מיט די אינפאַנ־טעריע־טיילן.

ב) אויף אויספילן זעלבשטענדיקע אויפגאַבעס אין טיפן הינטערגרונט פון דער באַזיצונג־זאָנע און אין פאַרבינדונג מיט די אָפּעראַציעס פון דער אינפאַנטעריע און אַרטילעריע.

ג) אין געמיינזאַמע אָפּעראַציעס מיט דער קאַוואַלעריע אויף די פלאַנגען פון סוינע.

ד) אין באַשטאַנד פון די מאָטאָריזירטע טיילן אויף די פלאַנגען און אין די דורכרײַסן.

אַסאַך הענגט אָפּ דער דערפאָלג פונעם אָרט, וווּ די טאַנקעס דאַרפן אַרבעטן. מען קען זיי ניט צווינגען גיין דאָרט, וווּ זיי קענען ניט בײַקומען די געגנט. צום בײַ־שפּיל, וואַלד־רײַאָנען פאַרשווערן די אַרבעט דערפאַר, ווײַל די טאַנקעס קענען ניט גיין אין אַ געדיכטן גרויסן וואַלד.

גריבער און א בארג־אראָפּ פון א הויך מער פון 45° קע־
נען די טאנקעס ניט נעמען (געמעל 1). די טאנקעס קענען
אויך ניט דורכגיין קיין טײַכן מיט הויכע ברעגן, מיט א
זומפּיקן גרונט, אָדער ווען די טיפקײַט דערגייט מער פון



געמ. 1 א שיפּוע פון 45° די הויך נעמט קיין איין טאנק ניט.

1 מעטער (פאר לײַכטע טאנקעס דארף זײַן די טיף ניט
מער פון 60—50 סאנטימעטער). אף אזא אופן קענען טאנ־
קעס ארבעטן ניט אומעטום, און דאָס הייסט, אז ניט אומע־
טום קען דאָס מיליטער זיך פארלאָזן אף דער הילף פון
די טאנקעס.

טאנקעס — דאָס איז א מיטל צו געבן אן אנטשיידענעם

קלאפ. זיי ווערן אָנגעווענדעט דאָרט, ווו מע דארף ביזן סאָף צעקלאפן דעם קעגנער. דעריבער ווען איינציקע טיילן האָבן טאנקעס אף זייער פראָנט, בייס אנדערע ווען זיי אינגאנצן ניט האָבן און ווען זיך דארפן שלאָגן זעלבּ־שטענדיק, באזונדערס דאָרט, ווו די געגנט איז פאר די טאנקעס ניט קיין באקוועמע.

פארוואָס קען מען ניט פארטיילן אלע טאנקעס גלײַך צווישן די טיילן? דערפאר, ווײַל דאן וועט אפן כייל‏עק פון יעדער טייל אויספאלן זייער ווייניק טאנקעס; די טאנקעס וואָלטן געווען צעשטויבט איבערן גאנצן פראָנט, און דער קעגנער וואָלט גרינג בײַגעקומען יעדן איינציקן.

גאנץ אנדערש איז, אויב מע זאָל צוגעבן טאנקעס אף א באקוועמען פאר זיי און אף א ברייטערן פראָנט־באצירק. דאן וועט די מאסע טאנקעס פאָרשטעלן מיט זיך א גרויסע קראפט, וועלכע קען צעברעכן דעם סוינע און פארלײַכ־טערן די שלאכט־ארבעט פון די טיילן אפ אנדערע באצירקן, וואָס האָבן ניט קיין טאנקעס. צעטיילן די טאנקעס צווישן אלעמען גלײַך — וואָלט באדײַט שלאָגן דעם סוינע מיט א צעשפרייטער האנט, אָנשטאָט צו געבן א קלאפ מיט א מעכטיקן פויסט. אָט פארוואָס טאנקעס־טיילן גייען ניט ארײַן אין באשטאנד פון קאָרפוסן, דיוויזיעס, פאָלקן און געפינען זיך אין רעשוס פון דער הויפט־קאָמאנדירונג, וועל־כע שיקט זיי פאראמאָל מאסנווײַז אהין, ווו מע דארף צע־שמעטערן דעם סוינע און ווו דער אָרט איז א באקוועמער אף אָנווענדן די טאנקעס. דאָרט, ווו ס׳איז נייטיק, קען מען די טאנקעס צוגעבן צו פאָלקן, באטאליאָנען און ראָ-

טעס. ווייניקער פון א ווזוואָד טאנקעס ווערט צו אַנ אינ־פאנטעריע־אָפּטיילונג (באטאליאָנ, ראָטע) ניט צוגעגעבן.

אונדזער רויטע ארמיי זאפּט זיך אָן אלץ מער און מער מיט טעכניק, אין פּראט מיט טאנקעס. דעריבער דארף יעדער קעמפּער וויסן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די פאר־שיידענע טיפּן טאנקעס, אין וואָס באשטייען זייערע אייגנ־שאפטן, ווי און ווען זיי ווערן אָנגעווענדעט, ווי ארבעט מען מיט זיי, מיט וואָס העלפן זיי דער אינפאנטעריע, קאַ־וואלעריע און ארטילעריע און אין וואָס דארף באשטיין די הילף, וואָס אָט די אלע מינים מיליטער דארפן געבן די טאנקעס.

טיפּן פון טאנקעס.

מע אונטערשיידט פאָלגנדיקע גרונט־טיפּן פון טאנקעס:

1) לײַכטע טאנקעס (זייער וואָג איז ביז 7 טאָן);

2) מיטעלע טאנקעס (פון 12 ביז 23 טאָן);

3) שווערע טאנקעס (זייער וואָג פון 30 ביז 70 טאָן);

4) טאנקעטקעס (ביז 2,5 טאָן).

1. לײַכטע טאנקעס.

דער לײַכטער טאנק רענאָ (פראנצויזישער און רוסי־שער). זײַן וואָג—7 טאָן. דער פאנצער—א טויבער און פאר־היט פון קוילן און שפּליטערן (טיילווײַז פון סנאריאדן); די שנעלקײַט — דורכשניטלעך 5 — 3 קילאָמעטער, מאקסימאל

8 קילאָמעטער; רעזערוו פון גאנג—אף 8—7 שאָ; גייט אי־בער אזא גרונט, ווו עס גייט דורך די אינפאנטעריע; קען בײַקומען א שיפּוי ביז 45°—די סטראָמיקײַט (פראקטיש 35—40°); גייט איבער א וואסער פון 70—50 סאנטימעטער די טיף, באהערשט גריבער מיט סטראָמיקע ווענט ביז 1,8 מעטער די ברייט; ברעכט איינציקע ביימער ביז 25 סאנ־



געמ. 2. לײַכטער טאנק רענאָ אין דורכשניט.

טימעטער די גרעב; צעשטערט געמויערטע ווענט פון צוויי־ציגל די גרעב; קריכט איבער איבער א ווענטל די הייך 50 סאנטימעטער, צעשטערט דראָט־פארצאמונגען (מאכט א וועג פאר דער אינפאנטעריע), די קוילנוואַרפער־נעסטן און ברילקעס פון שוץ־גריבער (געמ. 2).

באוואָפענונג: אין פראנצויזישן רענאָ—א קוילנוואַרפער אָדער א 37 מילימעטרישער הארמאט פון גאטשקיס, וואָס געפינט זיך אין א טורעם, וועלכער גייט ארום און ארום (אף 360°). רעזערוון פון שיס־מאטעריאלן: 4800. קוילנ־

וואַרפער־פאַטראָנעס, אָדער 240 האַרמאַטן־פּאַטראָנעס (גראַ־נאַטעס). דער רוסישער רעגאַ האָט אין טורעם אַ קוילן־וואַרפער מיט אַ האַרמאַט. וואָס געפינען זיך אונטער אַ ווינקל איינער לעגאַבע דעם אַנדערן. שיסן קען מען אָדער פון האַרמאַט אָדער פון קוילנוואַרפער, ווײַל דער טורעם איז אויסגערעכנט נאָר אַף איין מענטשן. רעזערוון פון שיס־מאַטעריאַלן: בא 2.000—2.500 קוילנוואַרפער־פּאַטראָנעס אָדער 260 האַרמאַטן־פּאַטראָנעס (גראַנאַטעס). אין גאַנג קען דער פײַער פון טאַנק ווירקן אַף 300—200 מעטער. א טאַנק קען ניט באַשיסן א שטרעקע פון 5—3 מעטער אַרום זיך. דאָס רופט זיך אָן א טויטע שטרעקע.

רענאָ־טאַנקעס האָבן מיר ניט קיין סאַך. זיי ווערן ניט פאַרביטן אַף אונדזערע נײַע טאַנקעס, וואָס גייען אַ סאַך שנעלער.

זייער אַ סאַך רענאָ־טאַנקען זײַנען פאַרבליבן אין פראַנקרײַך נאָך דער מילכאָמע. דעריבער איז גאַנץ מעגלעך, אַז די פאַרעלטערטע טאַנקעס זאָלן באַנוצט ווערן אינעם קינפטיקן קריג, אַפילע ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס עס זײַנען פאַראַן פאַרפּולקומטערע מוסטערן; צום בײַשפּיל, די רענאָ־טאַנקעס בא די פּאָליאַקן באַוועגן זיך מיט א שנעלקײַט ביז 18 קילאָמעטער א שאָ.

די טאַנקעס פון טיפּ רענאָ זײַנען באַשטימט דערהויפּט אַף אָפּערירן אינאיינעם מיט דער אינפאַנטעריע, העלפנדיק איר פאַרניכטן די קוילנוואַרפערס, וואָס ברענגען איר גרויס שאָדן און אויך צעשטערן די קינסטלעכע פעלד־שטערונגען.

2. שווערע טאנקעס.

דער אלטער מוסטער פון די שווערע טאנקעס — דער גרויסער טאנק מיטן מאָטאָר פון דער סיסטעם ריקאַרדאָ — מארקע 5 — איז שוין קימאט ארויס גענומען געוואָרן פון באַנוץ. ער האָט אָבער באוויזן בא פרידיקנדיקע שלאכט־איינגשאפטן (זיכערקייט פון מאָטאָר און פון דער רויפע). זיין שלאכט־וואָג איז 28—29 טאָן דעם פאנצער נעמען ניט קיין קוילן און קיין שפליטער



געמ. 3. דער שווערער טאנק ריקאַרדאָ אין דורכשניט.

פון סנאריאדן. די שנעלקייט פון באוועגונג—דורכשניטלעך 4—5 קילאָמעטער א שאָ און מאקסימאל 8—7 קילאָמעטער רעזערוו אין וועג אף 10 שאָ (בא 70 קילאָמעטער) זיין באוועגלעכקייט איבער זומפיקן גרונט איז עטוואָס קלענערע איידער באם רענאָ. באהערשט גוט סטראָמיקייט ביז 45°, גייט איבער א וואסער פון 1 מעטער די טיף, גריבער ביז 3,5 מעטער די ברייט; ווארפט אום איינצלנע ביימער ביז 50—60 סאנטימעטער די גרעב, ברעכט געמויערטע ווענט 3 ציגל די גרעב, דראָט־פארצאמונגען און לייכטע

בלינדאזשנ (געמ. 3). באוואָפּענונג: אָדער צוויי 57 מילי־מעטרישע יאם־הארמאטן פון גאטשקיס און 5—4 קוילנ־ווארפערס (א טאנק מיט אזא באוואָפענונג רופט זיך בא די ענגלענדער „זאָכער"), אָדער 6 קוילנווארפערס. אין ערשטן פאל איז דאָ א רעזערוו פון 5.400 קוילנווארפער־פאטראָנעס און בא 200 סנאריאדן פארן הארמאט; אין צווייטן פאל—בא 14.000 קוילנווארפער־פאטראָנעס. שיסט



געמ. 4. פארגלייכלעכע גרייס פון רענאָ־טאנק (שטריכירט) און ריקארדאָ.

מיט א גלייכן אָנציל. דער טויטער שטעך — 4—2 מעטער, אווירקלעכער פייער אפ 300—200 מעטער. די קאָמאנדע—8 מאנ. דער שווערער טאנק פונ דער מארקע V איז לענ־גער פארן לייכטן רענאָ־טאנק און דעריבער קען ער ביי־קומען גריבער (שוץ־גריבער) ניט פון 1,8 מעטער די ברייט, נאָר פון 3,5. ער קען ביכלאל באהערשן ערנסטערע שטע־רונגען, איידער א לייכטער טאנק און איז אסאך בעסער באוואָפנט (געמ. 4). דער טאנק ריקארדאָ ווערט באנוצט דערהויפט באם אטאקירן (דורכרייסן) א פארמאסקירטע פאָ־

זיציע, וועלכע האָט אזעלכע שטערונגען, וואָס א לײַכטער טאנק קען ניט בײַקומען (צום בײַשפּיל, קאנאוועס און שוץ־גריבער ביז 3,5 מעטער די ברייט). אין פּראט קען א לײַכ־טער טאנק ניט אריבערגיין א גרוב, - וואָס שאפט זיך פון אן אופגעריסענעם שווערן סנאריאד; און נאָך א שלאכט וועררט דאָך א שטארק פארפעסטיקט פּאָזיציע־פעלד באַ־דעקט מיט אסאך אזעלכע גריבער. דער אלטער טיפּ פון שווערן טאנק, וואָס איז פריִער באשריבן, גייט פּאמעלעך און קען אף א גרויסער שטרעקע ניט אָפּערירן (דער מאַ־טאָר ארבעט 10 שאָ).

3. מאָדערנע טאנקעס.

דער אימפּעריִאליסטישער קריג האָט שוין דערוויזן די מײַלעס פון די טאנקעס באם לייזן זעלבשטענדיקע אופ־גאבעס (אָנפלי אין טיפן הינטערגרונט פון סוינע, שנעל ארומכאפּן דעם פלאנג) און צוליב אָפּעראציעס צוזאמען מיט דער קאוואלעריע. אין די אלטע טיפּן טאנקעס האָט געפעלט די שנעלקײַט און די ווײַטקײַט פון אָפּערירן. נאָך דער מיל־כאָמע האָבן די דערפינדער געגעבן א גאנצע ריי נײַע שנעל־גייענדיקע טאנקעס. מער פון אלעמען האָט אף דעמדאָזיקן געביט אופגעטאָן ענגלאנד, וועלכע האָט, אין רעזולטאט פון פּרווון, געגעבן זייער געלונגענע מוסטערן פון שנעל־גייענדיקע טאנקעס. צו זיי געהערן דער שווערער, מיטע־לער און לײַכטער טאנק וויקערס. כוץ דעם, צו דער צאָל דערפינדונגען, וואָס די ענגלענדער האָבן געמאכט אין דער

טאנקעט־בויונג, געהערט אויך דער סאמע לײַכטער טאנק, די אזוי גערופענע „טאנקעטקע".

דער שווערער טאנק וויקערס.

דער בעסטער טיפּ פון א מאָדערנעם שווערן טאנק,— פון א שנעלגייענדיקן און מיט א גרויסן ראַדיוּס פון טאט— איז דער לעצטער ענגלישער שווערער שנעלגייענדיקער טאנק וויקערס, דער אזוי גערופענער „דורכרײַס־טאנק".



געמ. 5. שווערער וויקערס־טאנק.

זײַן מאקסימאלע שנעלקײַט איז ביז 30 קילאָמעטער א שאָ (געמ. 5). אזא טאנק איז בעקויעך נים נאָר בײַקומען א פארפעסטיקטע פּאָזיציע, נאָר בײַקומען זי זייער שנעל און שנעל ארײַנדרינגען אין טיפן הינטערגרונט פון סוינע און מאכן דאָרט ערנסטע צעשטערונגען און פארניכטונגען.

דער פאָרגעשטעלטער אפן געמעל 5 שווערער וויקערס־טאנק, האָט די שלאכט־וואָג בא 42 טאָן און איז בא־

וואַפּנט מיט 4 קוילנוואַרפערס און מיט א 47־מילימעטער־דיקן האַרמאַט; יעדער קוילנוואַרפער און האַרמאַט געפינט זיך אין א באַזונדערן טורעם (אינעם צענטראַלן טו־רעם—דער האַרמאַט. און אין די 4 ווינקלדיקע—די קוילנ־וואַרפערס).

דער מיטעלער וויקערס־טאַנק.

עס זײַנען פאַראַנען צוויי טיפּן מיטעלע טאַנקעס: איי־נער פון 12 טאָן (מוסטער פון 1926־טן יאָר), דער צוויי-



געמ. 6. א מיטעלער וויקערס־טאַנק.

טער—16 טאָן (מוסטער פון 1927־טן יאָר). דער מיטעלער 12־טאָניקער וויקערס־טאַנק (געמ. 6) האָט א 47־מילימע־טערדיקן האַרמאַט. צוויי שווערע און 4 לײַכטע קוילנוואַר־

פערס; זײַן דורכשניטלעכע שנעלקײַט איז 30—25 קילאָ־מעטער א שאָ, רעזערוו פון גאנג—אף 12 שאָ. ער באַהערשט א שוץ־גראָבן ביז 2,3 מעטער די ברייט און גייט איבער א וואסער ביז 1,2 מעטער די טיף. די קאָמאנדע באשטייט פון 5 מאן.

א מיטעלער 16־טאָניקער וויקערס־טאנק באזיצט א מאקסימאלע שנעלקײַט ביז 45 קילאָמעטער א שאָ, פארמאָגט פון הינטן א מאָטאָר און א פלאכן פאנצער.

דער לײַכטער וויקערס־טאנק.

די שלאכט־וואָג—7,8 טאָן. דורכשניטלעכע שנעלקײַט—בא 30 קילאָמעטער א שאָ, די מאקסימאלע—35 קילאָמעטער א שאָ. דער פאנצער—13 מילימעטער, ווערט ניט דורכגעלעכערט אפילע פון א פאנצער־דורכקלאַפנדיקער קויל. די באוואָפענונג: 2 שווערע קוילנוואַרפערס (איינער פון זיי איז פונעם קאליבער 12,7 מ.מ.); אָנשטאָט א קוילנוואַרפער קען אוועקגעשטעלט ווערן א 37 מילימעטערדיקער הארמאט; יעדער קוילנוואַרפער ווערט אײַנגעשטעלט זעלבשטענדיק אין דעם ארום זיך באוועגנדיקן טורעם. די קאָמאנדע—3 מענטשן (אן אָנפירער און צוויי שיסער—איינער פון זיי איז א־קאָמאנדיר פון טאנק (געמ. 7).

דער לײַכטער וויקערס־טאנק האָט דעם פאָרצוג, פארן רענאָ־טאנק מיט דעם, וואָס ער קען אײנצײַטיק שיסן פון 2 פײַער־איינסן. סײַ דער לײַכטער, סײַ דער מיטעלער וויקערס־טאנק האָבן די איינגעשאפט צו באוועגן זיך שנעל.

די נײַע װיקערס־טאַנקעס זײַנען באַװעגלעכע און מעכ־
טיק באַװאָפנטע מאַשינעס: אַזעלכע טאַנקעס זײַנען פײַיק
שנעל באַהערשן אַ גרויסן מעהאַלעך און, באַװײַזנדיק זיך
אױפן פראָנט, אױפן פלאַנג, אָדער אין הינטערגרונט פון סױ־
נע, ברענגען זײ אים גרױס שאָדן און אַפילע אַלײן אַרײַנ־
טרעטן אין אַ שלאַכט קעגן דער אַרטילעריע. די טאַנקעס
קענען אַרבעטן צוזאַמען מיט דער קאַװאַלעריע, העלפנדיק



געמ. 7. לײַכטער װיקערס־טאַנק.

איר בײַקומען דעם פײַער־װידערשטאַנד פון סױנע. דאָס
אַלץ, װאָס איז געזאָגט געװאָרן װעגן די טאַנקעס ביז איצט,
געהערט צו די מינים טאַנקעס, װאָס זײַנען אַרײַן אין דער
באַװאָפענונג. עס זײַנען שױן אָבער פאַראַן נײַע פּרוװ־מוס־
טערן, װאָס שטײַגן באַדײַטנדיק איבער מיט זײערע מײַלעס.
אין די פאַרײניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, צום בײַשפּיל,
איז פאַראַן אַ מוסטער פון אַ נײַעם רעדער־רױפן־טאַנק
קריסטי. מוסטער פון 1930־טן יאָר, װאָס באַװעגט זיך אָן

א וועג מיט דער שנעלקייט פון 40—35 קילאָמעטער און מיטן וועג ביז 110—80 קילאָמעטער א שעה (לויט פארשיי־דענע יעדיעס).

טאנקעטקע.

א טאנקעטקע איז זייער א קליינער טאנק, ווערט לייכט אָנגעפירט און איז פייִק שנעל צו באוועגן זיך (געמ. 8). א טאנקעטקע איז א נידעריקע און דעריבער האָט זי ווייניק וואָס מוירע צו האָבן פארן סוינעס פייַער, דערפאר אָבער האָט זי א דינעם און ניט קיין דורכויסיקן פאנצער פונויבן איז זי אָדער אינגאנצן אָפן, אָדער צוגעדעקט זייער שוואך. איר לענג איז 2,5 מעטער, ד. ה., אין 2 מאָל



געמ. 8. א קיילנווארפערישע טאנקעטקע קארדען־לויד

קירצער פון א לײַכטן טאנק. די ברייט אירע איז 1,7 מ. די הייך — 1 מעטער. וועגן וועגט זי ארום 1,5 טאָן, דאָס הייסט, אן ערעך אין 4 מאָל ווייניקער פון א לײַכטן טאנק. זי קען נעמען באַרג־ארוף מיט א סטראָמיקײַט ביז 45° די הייך; א קאנאווע — ביז 1 מעטער די ברייט, ד. ה. בלויז עטוואָס ווייניקער פון א לײַכטן טאנק; דאָך קען א טאנקעטקע ניט אריבערגיין קיין שוץ-גראָבן, וואָס איז געוויינטלעך ברייטער פון 1,2 מעטער. זי גייט אריבער א וועגטל ארום א האלבן מעטער די הייך און איבער א טײַכל פון דער־זעלבער טיף. א וואלד קען א טאנקעטקע ניט בײַקומען, אויסער גאָר קליינע קוסטעס. אדאנק איר לײַכטער וואָג, קען זי גיין אפילע איבער שלעכטע בריקן, וואָס באוועגע־נען זיך אף די דאָרפישע וועגן, וואָס דאָס קען ניט א לײַכטער טאנק. א טאנקעטקע גייט איבער וועגן מיט דער מאקסימאלער שנעלקײַט פון 45 קילאָמעטער א שאָ, אויסער וועגן—קימאט 20 קילאָמעטער א שאָ, רעזערוו פון גאנג— אף 100 קילאָמעטער. די באוואָפענונג: 1 געשטעל־קוילנ־װארפער מיט א רעזערוו פון 3.500 פאטראָנעס אָדער א 47 מילימעטערדיקער הארמאט. די קאָמאנדע—2 מאן.

פארשטייט זיך, אז א טאנקעטקע קען פירן א טיפערע און א שנעלערע אויסשפירונג־ארבעט, איידער די קאוואלע־ריע אָדער געפאנצערטע מאשינעס אף רעדער, וועלכע בא־וועגן זיך דערהויפט איבער וועגן. די טאנקעטקעס ווערן באנוצט אין מאָטאָ־מעכאניזירטע פארייניקונגען, ד. ה., אין אזעלכע שלאכט־פארייניקונגען, וועלכע באוועגן זיך אויס־שליסלעך אף מאָטאָרן (מעכאנישע שלעפ־קראפט) און וואָס

דער גרונט זייערער זייַנען געפאנצערטע מאשינעס: טאנקעס, טאנקעטקעס און געפאנצערטע אווטאָמאָבילן. די טאנקעטקעס קענען באנוצט ווערן אויך צוליב א ספעציעלער שלאכט־אויסשפּירונג.

די מאָדערנע טאנקעס באוועגן זיך שנעלער, איידער די פריִערדיקע: זיי קענען מער אריבערטראָגן. דאָך, אויב מע דארף אריבערוואָרפן טאנקעס (לייַכטע) אף א גרויסער שטרעקע און עס זייַנען פאראן גוטע וועגן (א שאָסיי אָדער א הארטער און גלייַכער גרונט־וועג), קען מען די טאנקעס אָנלאָדן אף גרויסע פראכט־אווטאָמאָבילן. אזוי ווערן זיי גיכער אריבערגעוואָרפן און עס ווערט בעסער אָפּגעהיט זייער מאטעריִעלער טייל (דער מאָטאָר און די רויפּע). אזוי קאָנען אריבערגעוואָרפן ווערן אויך טאנקעטקעס. אף אריבערוואַרפן זיי זייַנען געניג 1,5—2,5 טאָניקע פראכט־מאשינעס.

עס איז א קלאל, אז שווערע טאנקעס פון אלטן טיפּ ווערן אריבערגעוואָרפן אף א שטרעקע העכער פון 25 קילאָמעטער מיט דער אייַזנבאן־ליניע אף ספּעציעלע פלאטפאָרמעס.

די יעסוידעס פון דער ארבעט פון די טאנקעס אין שלאכט.

באקומענדיק אן אויפגאבע, שטעלן זיך די טאנקעס־טיילן אין א ריַיאָן, וואָס איז פאר זיי באקוועם און איז באהאלטן פון לופט־סוינע. אזעלכע ריַיאָנען רופן זיך אָן זאמל־ריַיאָנען. פאָרן שלאכט, אין וועלכן די טאנקעס נעמען אן

אָנטייל, ווערט דורך די טאנקעס־קאָמאנדירן און אויסשפירער דורכגעפירט א ספעציעלע טאנקעס־אויסשפירונג. די אויסשפירונג שטעלט פעסט, ווּ עס געפינען זיך די פייַער־מיטלען פון קעגנער ־ין ווּ איז פאר די טאנקעס בעסער צו ארבעטן. בייס דער אויסשפירונג גייען ארויס די טאנקעס־אָפּטיילונגען פון זייערע זאמל־ראַיאָנען אף די אויסווארטונג־פּאָזיציעס (3—5 קילאָמעטער פון די פּאָדערשטע אינפאנטעריע־טיילן).

דורכפירנדיק די אויסשפירונג און באקומענדיק אן אופגאבע, שטעלן איַין די טאנקעס־קאָמאנדירן גלייַכצייַטיק א פארבינדונג מיט דער אינפאנטעריע. דערנאָך קלייַבן זיי אויס אן אויסגאנג־פּאָזיציע צו דער אטאקע, מערקן אָן דעם שלאכט־קורס (די ריכטונג אפן אטאקע־פונקט) און באשטימען די צייַט און די אָרדענונג, ווען צו רירן זיך פון דער אויסווארטונג־און אויסגאנג־פּאָזיציע. לעסאָף — נאָכן לייזן די אופגאבע — ווערט אָנגעמערקט א זאמל־פונקט און ס׳ווערט אָנגעוויזן די אָרדענונג פון דערנערן און רעמאָנטירן די טאנקעס. די אויסגאנג־פּאָזיציעס, ד. ה., די פּאָזיציעס, פון וועלכע די טאנקעס וועלן גיין אין אטאקע, ווערן פארנומען ניט פריִער ווי מיט צוויי שאָ פאר דער אטאקע, קעדיי ניט ארויסגעבן זיך פאר דער צייַט. דער שלאכט־קורס ווערט באשטימט ניט מיט דער גלייַכער ריכטונג אפן פונקט פון דער אטאקע, נאָר מיט אזא וועג, וואָס זאָל פאר די טאנקעס בעסער לוינען — דאָרט, ווּ עס זיינען ניטאָ קייַן שטערונגען און ווּ עס איז פאראן ווּ צו באהאלטן זיך פון פייַער.

די טאנקעס־ווזוואָדן צעשטעלן זיך צום שלאכט אפ איין ליניע—די לײַכטע אף אן אינטערוואל פון 50 ביז 109 מעטער, די שווערע—פון 100 ביז 150 מעטער; דער טאנק פון ווזוואָד־קאָמאנדיר שטעלט זיך אינמיטן.

די שלאכט־אָרדענונג פון א טאנקעס־ראָטע איז אזוי: אָדער 3 ווזוואָדן אף 1 ליניע אָדער אין 2 עשאלאָנען (אין ערשטן עשאלאָן — 1 ווזוואָד, אין צווייטן—2, אָדער פארקערט), אָדער אין 3 עשאלאָנעס (א ווזוואָד נאָך א ווזוואָד). די דיסטאנץ צווישן די עשאלאָנעס איז 400—200 מעטער, די אינטערוואלן צווישן די ווזוואָדן—פון 150 ביז 600 מעטער.

א ווזוואָד סטארעט זיך אטאקירן דעם סוינעס פונקטן פון דרײַ זײַטן. א ראָטע אָדער א ווזוואָד ווערט אָנגעפירט אָדער דורך דעם פערזענלעכן בײַשפּיל פון קאָמאנדיר („טו, וואָס איך טו"), דורך סיגנאליזירן מיט פענדלעך, אָדער דורך ראדיאָ (א ראדיאָ געפינט זיך באם קאָמאנדיר פון ראָטע אָדער ווזוואָד).

אין פאל, ווען עס קומען אום טאנקעס אָדער מענטשן, זײַנען פאראן רעזערוו־טאנקעס און רעזערוו־ספּעציאַליסטן.

די אַרבעט פון די טאנקעס אין ענגן קאָנטאקט מיט דער אינפאנטעריע.

ווען די טאנקעס ארבעטן אין ענגן קאָנטאקט מיט דער אינפאנטעריע, דאן ווערן די טאנקעס־טיילן צוגעגעבן (צײַטווײַליק אונטערגעוואָרפן) צו דער אינפאנטעריע, וועלכע

זיי האַלטן אונטער, פונקט אזוי ווי צו דער אינפאנטעריע ווערט צוגעגעבן ארטילעריע, סאפיאָרן, כעמיקער א. ד. גל.

וואָס פאר א קאָנטאקט איז צווישן די טאנקעס מיט דער אינפאנטעריע? צי קען זיַין אזוי, אז די אינפאנטעריע גייט אין שלאכט האנט בא האנט, פלייצע צו פלייצע, אָדער פונהינטן אין עק פון די טאנקעס, קיינמאָל ניט אָפּשטיי־ענדיק פון זיי?

ניין, ניט אזוי. די זאך איז אין דעם, וואָס די טאנקעס גייען אסאך שנעלער פון דער אינפאנטעריע, און דערי־קער—די אינפאנטעריע דארף זיך באהאלטן פונעם סוינעס קוילנווארפערישן פיַיער. טאנקעס האָבן קיין מוירע ניט פאר דעם פיַיער פון די קוילנווארפערס. די טאנקעס לאַ־ווירן אפן שלאכט־פעלד און היטן זיך פון סוינעס ארטי־לערישן פיַיער. און וואָס שנעלער עס באוועגט זיך דער טאנק, אלץ שווערער איז דער ארטילעריע צו טרעפן אין אים.

נאָכמער, אויב די אינפאַנטעריע וועט זיך דריקן צו די טאנקעס, וועט זיך צוקלעפן צו זיי, וועט זי טראָגן פאר־לוסטן פון ארטילערישן פיַיער, מיט וועלכן דער סוינע באַ־שיסט די טאנקעס.

דער קאָמאנדיר פון דער אינפאנטעריע באפוילט ניט די טאנקעס: „גיי אזוי און ניט אנדערש". ער זאָגט צום קאָ־מאנדיר פון די טאנקעס: „מיַין באטאליאָן איז באפוילן גע־וואָרן אטאקירן און פארכאפן דעם בערגל מיט די קוסטעס. אפ דעמדאָזיקן בערגל שטייען דעם סוינעס קוילנווארפערס. העלף מיר פארכאפן דעם בערגל: גיי און פארניכט די

קוילנוואַרפֿערס און איך מיט מײַן באַטאַליאָן וועלן גיין נאָך די טאַנקעס אין אַטאַקע און כ'וועל פֿאַרכאַפּן דעם בערגל".

די קאָמאַנדירן פֿון דער אינפֿאַנטעריע און פֿון די טאַנקעס דאַרפֿן זיך גוט צוזאַמענריידן. דער קאָמאַנדיר פֿון דער טאַנקעס-אָפּטיילונג (פֿון אַ ראָטע, אַ וזוואָד) באַקומט פֿון אינפֿאַנטעריע-קאָמאַנדיר (פֿון אַ באַטאַליאָן אָדער פֿון אַ ראָטע) אַן אויפֿגאַבע: ווען, ווו און וויאַזוי דאַרפֿן די טאַנקעס אונטערהאַלטן די אינפֿאַנטעריע און וואָס וועט די לעצטע טאָן.

די קאָמאַנדירן פֿון די טאַנקעס דאַרפֿן אָנווײַזן, וואָס פֿאַר אַ הילף זיי איז נייטיק מיצאַד דער אַרטילעריע, סאַפּיאָרן א. ד. ג. די אַרטילעריע דאַרף פֿאַרהיטן די טאַנקעס פֿונעם סוינעס האַרמאַטן-פֿײַער. די סאַפּיאָרן דאַרפֿן העלפֿן די טאַנקעס בײַקומען די שטערונגען, וועלכע די טאַנקעס קענען אַליין ניט בײַקומען (ברייטע און טיפֿע קאַנאַוועס, גריבער פֿון אויפֿגעריסענע שווערע סנאַריאַדן א. א. וו.). די אינפֿאַנטעריע דאַרף אויך העלפֿן די טאַנקעס מיטן פֿײַער פֿון די קוילנוואַרפֿערס איבער דעם אַנטדעקטן סוינעס קעגנטאַנק-האַרמאַט. די קעגנטאַנק-מיטלען האָבן זיך אַף אַזויפֿיל פֿאַרפֿולקאָמט, אַז די טאַנקעס דאַרפֿן שטענדיק האָבן זיכערע הילף פֿון דער אינפֿאַנטעריע, פֿון די קוילנוואַרפֿערס און פֿון דער אַרטילעריע.

אַ דערציילונג וועגן דעם, וויאַזוי די טאַנקעס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט דער אינפאַנטעריע.

דער סוינע האָט זיך גוט געשלאָגן, נאָר צום סאָף האָט ער זיך א וואקל געטאָן און איז אָפּגעטראָטן. אָבער אין צווייטן טאָג אַרום האָבן מיר זיך ווידער אָנגעשטויסן אָף אַ שטאַרקער באַשיצונג מיט דראָט־פאַרצאַמונגען פון פראָנט. מיטאַמאָל אַראָפּקלאַפּן דעם סוינע האָט זיך אונדז ניט איינגעגעבן. אונדזערע פראָנט־טיילן זיינען באַגעגנט געוואָרן פון אַן אָרגאַניזירטן קוילנוואַרפער־פייער און מיר האָבן זיך אַנידערגעלייגט, ניט דערגייענדיק 400—300 מעטער פון די דראָטן. אונזער ראָטע האָט זיך געפונען אין צווייטן עשאַלאָן. אונדז האָט מען געוואָרנט, אַז מאָרגן פאַרטאָג וועלן מיר דאַרפן אַטאַקירן דעם סוינע.

אינאָווונט נאָך עטלעכע שאָ אַרטילערישן שלאַכט איז פאַרביי אונדזער ווזוואָד צוזאַמען מיט אונדזער קאָמבאַט דורכגעגאַנגען אַ קאָמאַנדיר מיט 3 קוואַדראַטן אָף שוואַרצע קאַנטן. מיר האָבן געהערט, ווי דער קאָמבאַט, פאַרבייגייענדיק אונדז, האָט אים פאַנאַנדערגעזאָגט, פונוואַנען עס שיסן דעם סוינעס קוילנוואַרפערס און האַרמאַטן. צוקוקנדיק זיך, האָבן מיר באַמערקט, ווי ער האָט זיך דורכגעקליבן צו די פאָדערשטע טיילן, האָט אופמערקזאַם געקוקט אין בינאָקאָל אין דעם סוינעס זייט. דערנאָך האָט ער אַוועקגעפּויזעט צוריק הינטערן שפּיץ באַרג און איז פאַרביי אונדז צוריק אַוועק מיטן קאָמבאַט.

פון קאָמאנדיר פון ווזוואָד האָבן מיר זיך שפּעטער דער־וווּסט, אז דאָס איז געווען דער קאָמאנדיר פון דעם טאַנקעס־ווזוואָד.

אינאָווּנט האָט דער קאָמאנדיר פון ווזוואָד כ׳ וואַטונין געזאָגט צו די קאָמאנדירן פון די אָפּטיילן: „מאָרגן אטאַקירן מיר דעם סוינע. אונדזער ווזוואָד אַטאַקירט דעם סוינעס קוילנוואַרפער אָן דאָרט אויף יענעם פונקט מיטן איינציקן קוסט. צײַט פון דער אטאקע—באַגינען. דער סיגנאַל צו דער אטאקע—רויטע ־ראַקעטעס״.

פאַרן זון־אונטערגאַנג האָט דער קאָמאנדיר פון ווזוואָד איבערגעגעבן די קאָמאנדירן פון די אָפּטיילן: „צו אונדזער באַטאַליאָן האָט מען צוגעגעבן א ראָטע טאַנקעס. די טאַנקעס וועלן גיין אין אָנגריף און אין אטאקע פאָרויס פון דער אינפאַנטעריע. די אַרויסטרעטונג פון די טאַנקעס פון זייערע אויסגאַנג־פּאָזיציעס וועט זײַן צוגעדעקט מיט א רויכ־פאָרהאַנג״. (פראַגן 1 און 2, קוק זײַטלעך 43, 45) אין ערעך אַרום איינס באַנאַכט האָבן אונדזערע צווײ באַטאַרייעס געעפנט אן אָפּסן פײַער איבערן בערגל מיט די רוינעס פונעם מיל, וואָס איז אָפּגעבערענט געוואָרן פון אַרטילע־רישן פײַער. דער סוינע האָט זיך אופגעכאַפּט און האָט ניט טרעפלעך געענטפערט מיט א פײַער פון דער אַרטילעריע און פון די קוילנוואַרפערס. · אזא שיסערײַ האָט געדויערט א מינוט 40. און עפשער א שאָ. צום סאָף איז שטיל גע־וואָרן. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די שיסערײַ איז אָרגאַניזירט געוואָרן, קעדיי אין טומל פון דער שיסערײַ פאַרבאַהאַלטן דעם רויש פון די מאָטאָרן

און דעם קלונג פון די רויפן פון די טאנקעס, וועלכע האָבן פארנומען אויסגאנג־פּאָזיציעס. מיט דערדאָזיקער שיסעריי איז גלייכצייטיק פארדעקט געוואָרן די ארויסטרעטונג פון די אויסשפּירער נאָך געפאנגענע אפ א שכיינעסדיקן באצירק. שלאָפן האָט זיך שוין ניט געוואָלט. דער קאָמאנדיר פון אונדזער וזוואָד האָט אונדז דערקלערט פאָלגנדיקס:

— מאָרגן, כאוויירים, איז אן אנטשיידענע אטאקע אפן סוינע. מען דארף אים צעשלאָגן אזוי, אז ער זאָל צו זיך ניט קומען. צוהילף האָט מען אונדז געגעבן לייכטע טאנקעס. א גאנצע ראָטע—10 טאנקעס. פארגעדענקט: די טאנקעס וועלן אונדז מאכן דורכגאנגען אין די דראָט־פארצאמונגען. זיי וועלן ארויסגיין פון זייערע אויסגאנג־פּאָזיציעס פריִער פון אונדז. מיר וועלן אוועקגיין נאָך זיי דאן, ווען זיי וועלן מאכן די דורכגאנגען. נאָכדעם וועלן די טאנקעס גיין פאָרויס אפ צו פארניכטן דעם סוינעס קוילנוואַרפערס, און מיר וועלן גייען נאָך זיי. הענגט זיך ניט אָן אפ די עקן פון די טאנקעס, ניט לויפט זיי נאָך. דער טאנק וועט גיין דאָס רעכטס, דאָס לינקס, אָדער ער וועט גאָר פּאָשעט אוועקגיין פון אונדזער ריכטונג. דאָ וועט ער דערזען א קוילנוואַרפער, דאָ א קעגנטאנק־הארמאט, דאָ א שטערונג, וועלכע ער וועט דארפן ארומגיין. מיר וועלן אָנגרייפן אן ערעך 200 מעטער הינטער די טאנקעס. אויב דער אָרט וועט זיין פארבאהאלטן פון סוינעס פייער, דאן קען מען נעענטער אונטערגיין צום טאנק.

פארגעדענקס גוט: די טאנקעס קענען דורכלאָזן און ניט באמערקן דעם סוינעס א קוילנוואַרפער. דעריבער שלאָפּט

ניט—האלט גרייט די ביקסן און דעם קוילנוואַרפער. פּאַסט זיך צו צום אָרט. ביז טונקל האָבן מיר אַלע געזען דעם סוינעס רײַאָן—אָדער גראָז אָדער קוסטעס. דעם סוינעס א קוילנוואַרפער קען זיך פאַרבאַהאַלטן און וועט שווײַגן, קעדיי דער טאַנק זאָל אים ניט באַמערקן.

דעם טאַנק איז זייער שווער אַכטונג צו געבן, ווײַל פון א טאַנק זעט מען זייער שלעכט. און הערן וועסטו סײַ ווי גאָרנישט ניט דערהערן—עס וואַרפט, עס שלײַדערט, דער מאָטאָר רוישט, די רויפּעס קלינגען, שווײַגנדיק וועט דעם סוינעס קוילנוואַרפער דורכלאָזן פאַרבײַ זיך די טאַנקעס און ווי נאָר מיר וועלן אַרויסגיין אין אַטאַקע, וועט ער אונדז פאַרשיטן מיט בלײַ.

— כאַווער קאָמאַנדיר, דערלויבט—האָט זיך אַרײַנגע־מישט דער רויטאַרמייער פּעטרוקאָוו. ער איז געקומען גע־וואָרן פון רעזערוו, האָט אַסאַך זאַכן ניט געחוּסט און צו־ליב זײַן פוילקײַט האָט ער זעלטן ווען אינטערעסירט זיך מיט עפּעס. ער איז געווען א פּעפּער און די כאַווײרים האָבן אַף אים געלייגט שוואַכע האָפענונגען.

— כאַווער קאָמאַנדיר, וואָס איז אַזוינס דער אונטער־שייד,—צי שלאָגן זיך מיט די טאַנקעס אָדער אָן זיי? לויט מײַן מיינונג איז אַלץ איינס—עס „קאָסען“ אונדז גאַנץ היפּש דעם סוינעס קוילנוואַרפערס.

— כ׳ פּעטרוקאָוו, איר זײַט גערעכט און ניט גערעכט. דער אונטערשייד איז דאָ א גרויסער. זאָגט, די טאַנקעס לייגן דורך א וועג אין די דראָט־פאַרצאַמונגען?—יאָ. די אַר־טילעריע וועט סאָן דאָסזעלבע, אָבער אין מעשעך פון 2 שאָ

און וועט פאטערן אפ דעם 250—200 סנאריאדן און א טאנק מאכט עס פאר עטלעכע מינוט. די טאנקעס לעשן די קוילנוואַרפערס?—לעשן. צי קענען זיי פארלעשן אלע קוילנוואַרפערס?—ניין, זיי קענען ניט, ווײַל א טייל קוילנוואַרפערס וועלן בלײַבן פארבאהאלטן פון די טאנקעס. אָבער טאנקעס קענען פארניכטן די קוילנוואַרפערס אסאך מער און שנעלער, איידער די ארטילעריע.

קעדיי צו פארניכטן וואָס מער קוילנוואַרפערס, דארפן די טאנקעס גוט אויספאָרשן דעם ריַאָן, ווו זיי געפינען זיך. איר האָט געזען, ווי נאָך באַטאָג האָט צו אונדז אונטערגעפויזעט א קאָמאנדיר מיט ארטילעריע־קאנטן. דאָס איז געווען א טאנקיסט. איר האָט געהערט, ווי ער האָט פאנאנדערגעפרעגט, ווו ס'שטייען אונדזערע פראָנט־טיילן, פונוואנען האָבן געשאָסן די קוילנוואַרפערס, צי האָבן מיר ניט געזען, פונוואנען עס האָבן געשאָסן די האַרמאטן. וואָס מער ער וועט האָבן אזוינע פינקטלעכע ידיעות, אלץ מער קוילנוואַרפערס וועט ער קענען דערשטיקן און אלץ גרינגער וועט אונדז זײַן צו גיין אין אטאקע. אסאך ידיעות האָבן מיר אים געקענט געבן?—ניט גאָר קיין סאך. פארלאָזנדיק זיך אף די פאָדערשטע טיילן, האָבן מיר שלעכט אכטונג געגעבן אפן שלאכט־פעלד און דעריבער האָבן מיר ווייניק וואָס געהאָלפן דעם טאנקיסט.

אויסער דער אויספירונג פארן שלאכט, דארף מען העלפן די טאנקעס אין שלאכט גופא מיט פײַער פון די קוילנוואַרפערס, מיט גראנאטעס און ארטילעריע. די טאנ־

קְעס קענען ניט נאָכשפּירן נאָך אלץ. שטענדיק באַוויַיזט זיך פאַר זיי אומדערוואַרטעט א קעגנטאַנק־האַרמאַט. מיר, די אינפאנטעריע, דאַרפן די גאַנצע צײַט אכטונג געבן נאָך אים. ווי עס לאָזט זיך נאָר הערן א קעגנטאַנק־האַרמאַט, טאָ דערלאַנגט פײַער פון די קוילנוואַרפערס, ביקסן אָדער פון די גראַנאַטן־וואַרפערס, גיב איבער די באַטאַרייע זי זאָל דערלאַנגען פײַער. אויב מען זאָל אים ניט באַמערקן, קען אזא האַרמאַט צעקלאַפּן עטלעכע טאַנקעס. דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע האָט אונדז דערציילט, אז איין מאָל אין אימפעריאַליסטישן קריג האָט איינער א גוט־פאַרמאַסקירטער קעגנטאַנק־האַרמאַט צעקלאַפּט עטלעכע טאַנקעס.

— און אזוי, כאַווײרים, ניט נאָר טאַנקעס העלפן דער אינפאנטעריע אין שלאַכט, נאָר אויך די אינפאנטעריע העלפט די טאַנקעס. פון א טאַנק איז שווער צו זען, וואָס עס טוט זיך אפן שלאַכט־פעלד. א טאַנק וויגט זיך, די קוקלעכער זײַנען זייער קליין און פון די שטויסן שפּרינגען די קוק־לעכער פאַר די אויגן, וועסטו אזוי גרינג ניט באַמערקן א קעגנטאַנק־האַרמאַט, אָדער וועסט אים באַמערקן ערשט דאַן, ווען ער האָט שוין צעשמעטערט עטלעכע טאַנקעס.

די אינפאנטעריע (און די אַרטילעריע אויך) דאַרף אויסשטילן ספּעציעלע באַאָבאַכטער נאָך קעגנטאַנק־האַרמאַטן. האַגאַט אין שלאַכט איז שווער צו באַאָבאַכטן פון דער ערד, נאָר פונדעסטוועגן טרעפט אָפט, אז די אינפאנטעריע אנטדעקט א קעגנטאַק־האַרמאַט פריִער, איידער די טאַנקיסטן, וואָס זיצן אין פאַנצער. וויפל טאַנקעס בע זאָל ניט ציגעבן דער

אינפאנטעריע, דאָרף זי אופמערקזאם באציִען זיך צו זײַ־ערע באַדערפענישן. אָפּהיטן זײַ און געבן זײַ שטענדיקע הילף אין שלאכט מיט פײַער און מיטן רידל.

— די הויפּט־זאַך, כאָווער פּעטרוקאָוו, געדענקט: ניט באַלעמען. עס איז אָפּגעשוואכט דער פײַער פון דעם סוי־נעס קוילנוואַרפער, לויף איבער פאָרויס. דער קוילנוואַר־פער דערלאנגט פײַער, און די טאנקעס זעען אים ניט, דער־לאנג אליין פײַער איבער אזא קוילנוואַרפער, גיב צו וויסן דער ארטילעריע. גרײַף אָן וויַיטער.

— אין איין זאַך איז דער כאָווער פּעטריוקאָוו גערעכט מיר דאַרפן פריִער פון אַלץ אויסרעכענען אַף זיך אליין אפילע דאָן, ווען מיר שלאָגן זיך צוזאַמען מיט די טאנקעס און טאָמער ווערן די טאנקעס אַלע צעקלאַפּט פון סוינע? וואָס טוט מען דאַן? קלאָר,—אָנגרײַפן וויַיטער אָן די טאנקעס. מען טאָר קיינמאָל ניט פארגעסן ווען די איינצנע פײַער־מיטלען— די ביקס און קוילנוואַרפער. פאַרשטענדלעך, כאָוויירים?

— פאַרשטענדלעך,—ענטפערן די קעמפער.

באגינען האָט זיך אונדזער ראָטע אופגעהויבן און האָט זיך א רוק געטאָן צו די פאָדערשטע טײלן, וואָס האָבן זיך געפונען א 300 מעטער פון סוינע.

ס'איז געוואָרן טאָג..... פּלוצלונג האָט אונדזער ארטי־לעריע גענומען דערלאנגען שטארקן פײַער איבער די בערג־לעך און פונקטן פון סוינע (3־טע פראגע, זײַט 45).

די בערגלעך האָבן זיך פאַרצויגן מיט רויך און שטויב פון די אויפגעריסענע סנאַריאַדן. אין א פּערטל שאָ ארום האָבן זיך איבער דער ליניע פון אונדזערע פאָדערשטע טײלן

אָנגעהויבן צו רויכענע רויך־שאשקעס. ס'האָט געבלאָזן א גינסטיקער ווינט, דער רויך האָט זיך מיט געדיכטע קנוילן אוועקגעטראָגן אָן א זײַט צום סוינע. און ווען דער גאנצער לאגער פון סוינע האָט זיך באהאלטן אין רויך (דער

געם. 9. די טאנקעס זײַנען שנעל געגאנגען אין דער ריכטונג פון רויך.

סוינע האָט געפירט אין אומאָרדענונג א קוילנוואַרפער־און הארמאטן־פײַער), האָבן מיר דערהערט פונהיטן א טומל און פלוצלונג דערזען 5 טאנקעס, וואָס זײַנען פארבײַגעגאנגען אונדז אין דער זײַט פון רויך, דאָס הייסט, צום סוינע (געם. 9). צוליבן גערודער פון דעם ארטילערישן און קוילנ־ווארפערישן שלאכט, האָבן מיר, ווי נאָר די טאנקעס זײַנען

פארבײַ אונדז אדורך, קוים פאנאנדערגעקליבן דעם גרויש פון זייערע מאָטאָרן.

פונקט ווי שווימענדיק, זײַנען די טאנקעס געגאנגען שנעל דורך די אינטערוואלן צווישן די טיילן פון אונדזער אינפאנטעריע און האָבן זיך באהאלטן אין רויך. אין פינף



געמ. 10. ארײַנשנײַדנדיק זיך אין די דראָט־פארצאמונגען, האָבן זיי געמאכט א וועג פאר דער אינפאנטעריע.

מינוט ארום, ווען דער רויך איז אביסל פאנאנדערגעגאנגען זיך און איז אוועק ווײַטער אין דער טיף פון דעם סוינעס פאָזיציע, איז קלאָר געוואָרן, אז די טאנקעס האָבן דערגרייכט די דראָט־פארצאמונגען, האָבן זיך ארײַנגעשניטן אין זיי און אָנגעהויבן מאכן דורכגאנגען פאר דער אינפאנטעריע (געמ. 10). אין אן אומאָרדענונג, ניט ברענגענ־

דיק קיין שום שאָדן, האָבן זיך ארום די טאנקעס געריסן ארטילערישע סנאריאדן. דער רויך איז נאָך אלץ געהאנגען אף די בערגלעך, וואָס זײַנען פארנומען דורכן סוינע און האָט געבלענדעט די אויגן פון זײַנע באַאָבאכטער. די טאנ־קעס האָבן געמאכט דורכגאנגען און זײַנען אוועק אין אטאקע אף די קוסטעס, פונוואנען די קוילנוואַרפערס האָבן נעכטן געשאָסן.

געמ. 11. די טאנקעס זײַנען אוועק אין אטאקע אף די קוסטעס, פונוואנען די קוילנוואַרפערס האָבן נעכטן געשאָסן.

— רויטע ראקעטעס,—האָט א געשריי געטאָן דער באַ־אָבאכטער, כאווער סערגייעוו.

דאָס איז געגעבן געוואָרן א סיגנאל צו גיין אין אטאקע. די טאנקעס האָבן זיך געזוען אין א האלבן נעפל. די אינ־פאנטעריע האָט זיך אופגעהויבן און איז אוועק פאָרויס.

מיטגעריסן פון אלגעמיינעם דראנג, איז דער פריילעכער

און זאָרגלאָזער קאָנדאקאָוו פון שכיינעסדיקן אָפּטייל געלאָפן אין גאנצן ווּקס, וועלנדיק דעריאָגן די טאנקעס. ער איז עטוואָס ניט דערלאָפן צו זיי און איז געפאלן, ארונטערפאלנדיק אונטערן פייער פון די קוילנוואַרפערס.

פון גרוב צו גרוב, פון בערגל צו בערגל האָט זיך סידאָרטשוקס אָפּטייל גערוקט פאָרויס מיט שנעלע איבערלויפן.



געמ. 12. דער טאנק איז אריינגעפאלן אין א טיפער גרוב.

סידאָרטשוק האָט געזען, ווי איין טאנק איז פלוצלונג א פאל געטאָן מיטן נאָז אראָפּ—ער איז אריינגעפאלן אין א טיפער גרוב, וואָס איז פארוואָקסן מיט קוסטעס (געמ. 12). די טאנקעס האָבן זיך דאָ אָנגעשטויסן אף א שטערונג, וואָס איז ניט דורכצוגיין,—א טיפע גרוב. שיסנדיק פון די קוילנוואַרפערס, זיינען זיי ארומגעגאנגען די גריבער.

סידאָרטשוק האָט א פּיר געטאָן מיטן האנט. „פּאָרויס״. דער אָפּטייל איז אריבערגעלאָפן די גרוב, וואָס די טאנקעס האָבן געהאלטן אין ארומגיין.

— פּאָרויס! — האָט א געשריי געטאָן סידאָרטשוק, ווען דער אָפּטייל איז שוין איבערגעלאָפן.

— ווי? גיין פּאָרויס אָן טאנקעס? מע האָט דאָך געזאָגט, אז די אינפאנטעריע גרײַפט אָן נאָך די טאנקעס.

אָבער סידאָרטשוקס אָפּטייל שפּרינגט ארויס פון דער גרוב און לויפט איבער ווײַטער (פּראגע 4, זײַטל 45). פון רעכטס שיסט די אָפּטיילונג פונעם האנט-קוילנוואַרפער אף די קוילנוואַרפערס פון דעם סוינע. פּאָרויס — אפן בערגל. מע דארף אים פארכאפּן. פון דאָרט גייט דער פײַער פון די קוילנוואַרפערס. (געמ. 13.).

די טאנקעס זײַנען ארומגעגאנגען די שטערונגען, האָבן זיך געלאָזן צום בערגל און האָבן זיך ווידער ארויסגערוקט פּאָרויס פון דער אינפאנטעריע.... זיי אטאקירן דעם בערגל. איין טאנק איז ארופגעפאָרן אף א קוילנוואַרפער, האָט אים צעקוועטשט און מיטן פײַער פארניכטעט זײַן דינערשאפט:

סידאָרטשוקס אָפּטייל האָט פארנומען דעם בערגל....

גלײַכט זיך לויט די פאָדערשטע! די טאנקעס זײַנען אוועק פּאָרויס און האָבן דערגרייכט די קוסטעס, ווו זיי זײַנען שטארק באשאָסן געוואָרן (געמ. 14). און ארויסגייענדיק אפן עק וואלד, זײַנען זיי באגעגנט געוואָרן מיט פײַער פון דרײַ הארמאטן. דידאָזיקע הארמאטן האָט נאָך פריער באמערקט דער ארטילעריע-קאָמאנדיר. ער האָט טייקעף גענומען דערלאנגען אף זיי פײַער פון דער באטאריע.... צו

איר איז איינגיכן צוגעשטאנען אויך די צווייטע באטאריע....
צוויי הארמאטן פון סוינע זײַנען אונטערגעקלאפט געוואָרן....
דעם דריטן האָט מען אראָפּגעקײַקלט פון בערגל....



געמ. 13. א סכעמע פון דער באוועגונג פון די טאנקס און פון דער אינפאנטעריע.

אין דערזעלבער צײַט האָט אונדזער ראָטע דערגרייכט די קוסטעס.... אפן עק וואלד האָט מען זי פארוואָרפן מיט האנט־גראנאטעס, ס'איז געווען א טייל פונעם סוינעס אינ־פאנטעריע, וואָס איז פארבליבן באגעגענען אונדזער אינ־פאנטעריע, אפריער דורכלאָזנדיק די טאנקס. דורך א באַ־גנעסן־קלאפ און מיט דער הילף פון דער שכיינעסדיקער

ראָטע, וואָס פאר איר איז געגאנגען א חזוואָד טאנקעס, איז דער קעגנער ארויסגעקלאפט געוואָרן פון די קוסטעס.... אונדזערע טיילן גרייפן אָן ווייטער, גלייך נאָך די שנעל־גייענדיקע טאנקעס.

די ראָטע גייט דורך א וועלדל.... פלוצלונג ווערט זי אטאקירט פון פלאנג פון דעם סוינעס אנ אינפאנטעריע־ראָטע.

געם. 14. די טאנקעס זיינען באגעגנט געוואָרן מיט פייער פון האנט־גראַנאטעס.

מיר האָבן גרויסע פארלוסטן פון דעם פלאנגישן קוילנ־ווארפערישן און גראנאטעס־פייער.

ס'איז געוואָרן א צעמישונג, און די ראָטע איז עטוואָס אָפגעטראָטן צוריק. אין דערזעלבער צייט איז דער טאנק פון קאָמאנדיר פון דער טאנקעס־ראָטע ארויס פון וועלדל לינקס פון אונדז, האָט געגעבן א סיגנאל, און מיר האָבן

דערזען, ווי אונדזערע טאנקעס האָבן זיך א קער געטאָן, געעפנט א פײַער אין פולן גאנג און האָבן זיך אריינגע־שניטן אין דעם סוינעס אינפאנטעריע (געמ. 15). פאר־לירנדיק אסאך דערהארגעטע און פארוונדעטע, איז דעם סוינעס אינפאנטעריע אין פאניק פאנאנדערגעלאָפן זיך אין



געמעל 15. א הויזער פון טאנקעס האט זיך אריינגעשניטן אין דעם סוי־נעס אינפאנטעריע.

אלע זײַטן און באהאלטן זיך פון די טאנקעס אין וואלד. אונדזער ראָטע איז ווידער אריבער אין אן אָנגריף, האָט ארויסגעשלאָגן פון עק וואלד דעם סוינעס גרופּעס און האָט פארנומען געפאנגענע.

אינגיכן האָט אונדזער באטאליאָן פארנומען דעם דאָרף; אויספילנדיק זייער אויפגאבע, זײַנען די טאנקעס אוועק

אין א זיכערן, באשיצטן אָרט, קעדיי צו עפּענען די ליוקעס, אָפּקילן די מאָטאָרן, לאָזן אויסרוען די קאָמאַנדירן און באקומען א נײַע אויפגאבע. די טאנקעס־ראָטע האָט פארלאָרן 2 טאנקעס (דער צווייטער טאנק פון שכיינעסדיקן וזוואָד איז אונטערגעקלאפּט געוואָרן פון ארטילערישן פײַער).

מיר זעען, אז די טאנקעס האָבן פּונקט באצײַטנס געהאָלפן דער אינפאנטעריע מיט דעם, וואָס זיי האָבן פאר ניכטעט די קאָנטראטאקירנדיקע ראָטע פון סוינע. וואָלטן זיי עס ניט געטאָן, וואָלט, אָן שום צווייפל, אונדזער ראָטע זיך שטארק פארהאלטן, וואָלט האָבן פארלוסטן און מעגלעך, אז דער סוינע וואָלט זי אָפּגעוואָרפן צוריק. די הילף האָט זיך אײַנגעגעבן אדאנק דעם, וואָס די טאנקעס האָבן געהאלטן אַן אויג־פארבינדונג מיט דער אינפאנטעריע. דער קאָמאנדיר פון דער טאנקעס־ראָטע האָט די גאנצע צײַט געוווּסט, וווּ עס געפינט זיך די אינפאנטעריע און וואָס זי טוט. ווי מיר זעען איצט, דארף די אינפאנטעריע פירן דעם שלאכט מיטן אָנטייל פון די טאנקעס, פּונקט אזוי ווי אָן זיי. טאנקעס פארלײַכטערן נאָר די אויפגאבע פון דער אינפאנטעריע און פארהיטן זי פון אומזיסטע פארלוסטן.

אינעם שלאכט, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען סידאָרטשוק מיט זײַן אָפּטייל, האָבן די טאנקעס באגלייט די אינפאנטעריע און האָבן אָפּעריַרט אין ענגן צוזאמענבונד מיט איר.

די טאנקעס און אינפאנטעריע האָבן געהאט אלגעמיינע אויפגאבן און דאָך זײַנען די טאנקעס ניט געווען צוגעבונדן צו איר.

ניט די אינפּאַנטעריע, ניט די טאַנקעס האָבן ניט געבונדן מיט זייערע אָפּעראַציעס איינער דעם אַנדערן. זיי האָבן נאָר נאָכגעשפּירט און געהאָלפן איינער דעם אַנדערן. טאַנקעס, וואָס באַגלייטן די אינפאַנטעריע, קענען זיך ניט אָפּרײַסן פון איר אַזוי ווײַט, זיי זאָלן אופהערן, זען איינער דעם צווייטן (500־600 מ.), ווײַל אַנדערש וועט זיך באַקרמען, אַז די אינפאַנטעריע וועט ניט באַווײַזן אויסנוצן דעם דערפאָלג, וואָס עס האָבן דערגרייכט די טאַנקעס.

פאַר קיין פאַל טאָר די אינפאַנטעריע ניט באַנוגענען זיך נאָר מיט דעם, וואָס זי וועט באַאָבאַכטן, וואָס עס טוען די טאַנקעס. זי דאַרף זיי העלפן מיט פײַער און אויסנוצן זייערע דערפאָלגן.

פראַגן:

1. וואָס איז אַזוינס אַן אויסגאַנג־פּאָזיציע צו אַן אַטאַקע פון די טאַנקעס?

דאָס איז אַזאַ פּאָזיציע, פון וועלכן די טאַנקעס וואַרפן זיך אין אַטאַקע. די פּאָזיציע ווערט אויסגעקליבן מיט אַזאַ רעכענונג, אַז די טאַנקעס זאָלן קענען באַהאַלטענערהייט אונטערגייען צו דער פּאָזיציע, פאַרנעמען זי און זײַן דאָרט באַהאַלטענערהייט ביזן מאָמענט פון דער אַטאַקע. פון דער אַנדער זײַט דאַרף די אויסגאַנג־פּאָזיציע זײַן ווי ווײַט מעגלעך נאָענט צו די פאָדערשטע טיילן פון דער אינפאַנטעריע, ווײַל בײַ די טאַנקעס לוינט בעסער צו גיין וואָס ווייניקער

אונטערן פײַער פון דעם סוינעס ארטיליעריע (געמ. 16 און 17). די אויסגאנג־פּאָזיציע ווערט פארנומען אָדער דירעקט פאר דער אטאקע, אָדער ניט לאנג פאר דעם (ניט מער



געמ. 16. א גוטע אויסגאנג־פּאָזיציע פאר די טאנקעס צו אן אטאקע.

ווי צוויי שאָ) און אָט פארוואָס: אויב דער קעגנער וועט זיך אפילע דערוויסן וועגן דער אטאקע פון די טאנקעס, וועט בא אים פארבלײַבן ווייניק צײַט און ער וועט ניט



געמ. 17. א שלעכטע אויסגאנג־פּאָזיציע פאר די טאנקעס צו אן אטאקע (דערהינטערט פון דער אינפאנטעריע און האָט ניט קיין נאטירלעכע מאסקירונג).

קענען אָנעמען אלע נייטיקע און ערנסטע מיטלען קעגן די טאנקעס. אף דער אויסגאנג־פּאָזיציע שטעלט זיך יעדער טאנק אין א באהאלטענעם אָרט, וואָס איז מער זיכער און באקוועמער פאר אים.

2. צוליב וואָס דאַרף מען א רויך־פֿאָרהאַנג

מען דאַרף אים צוליב דעם, קעדיי צו פֿאַרשטעלן פֿון סוינע די טאַנקעס. בײַס זיי הייבן אָן אַרויסקריכן פֿון דער אויסגאַנג־פּאָזיציע. דער רויך־פֿאָרהאַנג נעמט אָפּ באַם סוינע די מעגלעכקייט אַכטונג צו געבן נאָכן אייגענעם פֿײַער און פֿאַרשטעלן פֿון סוינע די ווירקלעכע צאָל טאַנקעס און זייער שלאַכט־אָרדענונג.

3. צוליב וואָס האָט די אַרטילעריע דערלאַנגט פֿײַער איבער די בערגלעך?

אויף די בערגלעך האָבן זיך געפֿונען דעם סוינעס באַאָבאַכטונג־פּונקטן. דאַרף מען זיי פֿאַרבלענדן: קעדיי דעם סוינעס אַרטילעריע זאָל נישט קענען שיסן איבער די טאַנקעס, וואָס גייען אין אַטאַקע. צוליב דעם האָט מען אויך געלאָזן אַ רויך־פֿאָרהאַנג. אָט דאָס אַלץ זיכערט, אַז די טאַנקעס זאָלן קענען אומבאַמערקטערהייט צוגיין צום סוינע.

4. פֿאַרוואָס און צוליב וואָס האָט סידאָר שוק באַפֿוילן זײַן אָפּטײל גיין פֿאָרויס און אַריבער־יאָגן די טאַנקעס. די טאַנקעס דאַרפֿן דאָך אָפּ־רייניקן דעם וועג פֿאַר דער אינפֿאַנטעריע?

דאָס איז ריכטיק, אַז זיי דאַרפֿן אָפּרייניקן. פֿונדעסטוועגן האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז די טאַנקעס האָבן באַדאַרפֿט אַרומגיין אַ שטערונג. דער פֿײַער פֿון דעם סוינעס קוילנ־

קילנוואַרפּער איז אין דערזעלבער צייט אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן. דער קאָמאַנדיר פון אָפּטייל האָט ריכטיק באַשטימט: אויסנוצן די אָפּשוואַכונג פון דעם סוינעס פייער און גיין פאָרויס, ניט וואַרטנדיק אויף די טאַנקעס. די טאַנקעס וועלן שטענדיק קענען דעריאָגן די אינפאַנטעריע. ארומגייענדיק די שטערונגען און אָפּשטייענדיק אזוי ארום פון דער אינ־פאַנטעריע, האָבן די טאַנקעס דאָך ניט פארלאָזן די אינפאַנ־טעריע, נאָר זיי האָבן איר אונטערגעהאַלטן מיטן פייער פון די קוילנוואַרפערס און האַרמאַטן (געמ 13). מע דאַרף ניט פארגעסן, אז טאַנקעס קענען שיסן ניט נאָר אין דער ריכטונג, אין וועלכער זיי גייען, נאָר אויך אין אן אנדער ריכ־טונג, אָדער ווי מע זאָגט „שיסן אונטער א ווינקל".

די טאַנקעס אין דער באַשיצונג און ארויסגייענדיק פון שלאַכט.

די טאַנקעס זיינען דערהויפּט א געווער אַפּ אָנצוגרייפן. זייער גרונט־אויפגאַבע—געבנ דעם סוינע א שטאַרקן קלאַפּ, דורכלייגן א וועג פאַר דער אינפאַנטעריע, קאַוואַלעריע אָדער ארבעטן זעלבשטענדיק, אויספילנדיק די אלגעמיינע אויפגאַבע, פונדעסטוועגן קענען די טאַנקעס מיט דערפאָלג אויסגענוצט ווערן אויך אין דער באַשיצונג. באַזונדערס נייטיק איז די הילף פון די טאַנקעס פאַר דער אינפאַנטע־ריע, ווען דער קעגנער קוועטשט שטאַרק אָן, די אינפאַנ־טעריע האָט געהאַט גרויסע פארלוסטן און אָפּטרעטן צוריק

אײ אומעגלעך. די פראנצויזן האָבן אין 1918־טן יאָר אָפּ־
געהאלטן דעם אָנגריף פון דער דײַטשישער ארמײ נאָר מיט
דער הילף פון א גרויסער צאָל טאנקעס. וויאזוי דארף מען
אָנווענדן די טאנקעס אין אָט דעם ארט שלאכט?

אין דער באשיצונג דארף מען אויסנוצן אלע שטארקע
אײגנשאפטן פון די טאנקעס: ניט נאָר זײער פײַער און
פאנצער, נאָר דעריקער זײער באוועגלעכקײַט. אין דער
באשיצונג ארבעטן די טאנקעס, ווי מע זאָגט, אָנגרײַפנדיק,
דעריבער קענען די טאנקעס אָנגעווענדעט ווערן בײַם קאָנטער־
אטאקעס אָדער קאָנטער־קלעפּ פון גרויסע טײלן, מיטהעלפנ־
דיק דער שלאָג־גרופּע.

א דערציילונג וועגן דער ארבעט פון די טאנקעס באם פארטיידיקן זיך.

דער שיסער־אָפּטײל פון כ׳ סידאָרטשוק האָט בײַסן אָנ־
גריף פארלאָרן 2 מענטשן פארווונדעטע. די איבעריקע טײלן
פון ווזוואָד האָבן געהאט אן ערעך דיזעלבע פארלוסטן, די
טאנקעס האָבן געגעבן א מעכטיקע הילף דער אינפאנטעריע;
אין אײן טאָג איז די דיוויזיע דורכגעגאנגען 15 קילאָמעטער
אין דער טיף פון דעם סוינעס פּאָזיציע און האָט פארכאפּט
אסאך טראָפײען און געפאנגענע.

אָבער ווײַטער גײן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. דער סוינע
איז אָפּגעגאנגען הינטערן טײַך און האָט זיך פארטײדיקט
אף יענער זײַט ברעג. דער טײַך איז געווען, עמעס, ניט קײן

גרויסער, נאָר צוליב די סטראָמיקע ברעגן האָבן די טאנקעס ניט געקענט אריבערגיין (5־טע פראגע, זע זײַטל 56).

דאָס מיליטער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אף צוגרייטן א נײַעם אָנגריף. די 2־טע ראָטע (ווו עס האָט געדינט דער כ׳ סידאָרטשוק) איז ארײַן אין באשטאנד פון דער שלאָג־גרופּע פון פּאָלק. מע האָט איר געדארפט לאָזן איסרוען. פארפילן זי און ברענגען זי אין אָרדענונג נאָך די שווערע שלאכטן. די טאנקעס־טײלן, וואָס האָבן אָנטײל גענומען אין די פריקע שלאכטן, זײַנען אָפּגעצויגן געוואָרן צוריק און האָבן זיך אויסגעשטעלט בא 4—5 קילאָמעטער פון דער פראָנט־ליניע. דער קאָמאנדיר פון דעם אָפּטײל כ׳ סידאָר־טשוק, האָט געוווסט, אז די טאנקעס געפינען זיך אין וואלד לעבן טײַך.

די טאנקעס האָבן אויך געהאט פארלוסטן. אין דער ראָטע, וועלכע האָט אונטערגעהאלטן דעם 1־טן באטאליאָן, איז א טאנק פארבליבן אפן שלאכט־פעלד, ארײַנפאלנדיק אין א טיפער גרוב. דער צווייטער טאנק איז צעקלאפט געוואָרן פון אן ארטילעריע־סנאריאד, אין אים איז דער־הארגעט געוואָרן דער קאָמאנדיר און דער פירער פונעם טאנק. דער ערשטער טאנק איז ארויסגעשלעפּט געוואָרן פון דער קאנאווע מיט דער הילף פון א טראקטער, וואָס איז געקומען צוזאמען מיט א רונג אף באזונטיקן אוואריעס. דעם צווייטן טאנק האָט דער [illegible]קטער מיטאמאָל ניט באַוויזן צונעמען און בלויז נאָך ספּעציעלע ארבעטן האָט מען דעם טאנק ארויסגעפירט מיט די מיטלען פון דעם טאנקעס־באטאליאָן.

די נאכט איז געווען אן אומרויִקע, ווײַל דער סוינע האָט מיט דער ארטילעריע באשאָסן די וועגן, וועלדלעך און דערפער.

אינדערפרי, טייקעף נאָך א קורצער ארטילערישער צוגרייטונג, איז דעם סוינעס אינפאנטעריע פלוצלונג אריבער דאָס טײַכל אין א פלאכן אָרט און האָט אונדז אטאקירט. נאָך א פארביטערטן קאמף האָבן אונדזערע פאָדערשטע טיילן גענומען אָפּטרעטן און האָבן געהאט גרויסע פארלוסטן.

אָט דאָ האָט די שלאָג-גרופּע פון פּאָלק באקומען א באפעל. דער קאָמאנדיר פון דער צווייטער ראָטע האָט זיך אומגעקערט פון באטאליאָן־קאָמאנדיר, האָט צענויפגערופן די קאָמאנדירן פון די וזוואָדן און האָט געזאָגט: „דער סוינע האָט זיך ארײַנגעריסן אין אונדזער פּאָזיציע. אונדזער ראָטע צוזאמען מיט דעם וזוואָד טאנקעס גייט פון דאנען אריבער אין א קאָנטר־אָנגריף אף יענעם בערגל מיט די יאָלקעס, פון רעכטס אטאקירט די ערשטע ראָטע דעם סוינע מיט דער הילף פון טאנקעס. אונדזער אויפגאבע איז — אָפּוואַרפן דעם סוינע הינטערן טײַך. מיר גייען באלד אריבער אין א קאָנטר־אָנגריף. דער פּאָלק־דיוויזיאָן דערלאנגט שוין פײַער. די טאנקעס וועלן אונדז דעריאָגן. גייט עס איבער די קעמפער". .

די ראָטע האָט זיך שנעל פאנאנדערגעוויקלט אין א שלאכט־אָרדענונג און איז אריבער אין א קאָנטר־אָנגריף אפן סוינע, וואָס האָט מיט זײַנע פאָדערשטע טיילן פארנומען דעם בערגל מיט די יאָלקעס. די פּאָלק־באטארייע

האָט געעפנט א סרעפּלעכן פּיַער איבער די קוילנוואַרפער און שיסער פון סוינע.

ווי נאָר די ראָטע איז אין דער שלאַכט־אָרדענונג ארויס פון וועלדל, האָט איר א חזוואָד טאנקעס טייקעף איבער־געיאָגט פון לינקן פלאנג און איז אויך אוועק אהין (געם. 18).

צוגייענדיק א מעטער 250 צום בערגל, האָבן די טאנקעס גענומען שיסן פון די קוילנוואַרפער; פונעם בערגל האָבן זיך שוין באוועגט קעגן אונדזער ראָטע קליינע אינפאנ־טעריע־גרופּעס. דידאָאיקע גרופּעס זיַינען שנעל צעזייט גע־וואָרן דורכן פּיַער פון די טאנקעס. ווי האָבן שוין דער־גרייכט דעם שפּיץ בערגל. הינטערן בערגל האָבן די טאנ־קעס אטאקירט א האלבער ראָטע פון פוס־גייער מיט אײן הארמאט. דער הארמאט האָט נאָך ניט באוויזן צו עפענען א פּיַער, ווי די טאנקעס האָבן אים טייקעף געמאכט שוויַיגנדיק. נאָכדעם האָבן די טאנקעס צעטריבן די אינפאנ־טעריע (6־טע פּראגע, זע זיַיט 56) אונדזערע ארטילעריסטן האָבן מיט די הענט ארופגעקיַיקלט דעם הארמאט אפן שפּיץ בערגל. די קוילנוואַרפערס זיַינען שוין אויך דאָרט און באַ־שיסן דעם סוינעס אינפאנטעריע.

די 2־טע ראָטע איז מיט אירע פאָדערשטע טיילן ארויס אפן בערגל, אָבער זי איז באשאָסן געוואָרן פון די קוילנ־וואַרפער פון פלאנג, פון הינטערן טיַיך.

די אינפאנטעריע האָט זיך אנידערגעלייגט... די טאנקעס האָבן „שוין גאָרנישט ניט געקענט" מאכן קעגן די קוילנ־



געב. 18. א הוזאר באנקעט האלט אונטער די שיסער־לאכע אין א קאנסער־
אטאקע.

וואַרפֿער. מען האָט באַדאַרפֿט צוּוואַרטן אויף דער אָרט־לעכער הילף... די טאַנקעס זײַנען אוועק אין אַ באַ־האַלטענעם אָרט...

נאָכן שלאַכט האָט דער קאָמאַנדיר פֿון וווזואַד געטיילט זיך מיט די קעמפֿער מיט זײַנע אײַנדרוקן: „פֿאַרדראָסלעך, וואָס די טאַנקעס האָבן חײַטער ניט געקענט טרײַבן דעם סוינע—דער טײַך האָט געשטערט. דער סוינע איז געגאַנגען איבער אין אָפֿענעם פֿלאַך. מע זעט אים גוט. קיין שום שוץ־גריבער זײַנען ניטאָ. די מאַסקירונג באַם סוינע איז אַ שלעכ־טע. די טאַנקעס האָבן גלײַך באַמערקט די קוילנוואַרפֿער, און דער סוינע האָט זיך שוין ניט געקענט באַהאַלטן".

די טאַנקעס האָבן ווירקלעך ניט פֿאַרלאָרן קיין אײן מאַשין. האַגאַם דער אָרט איז געווען אין אָפֿענער, אָבער דעם סוינעס אַרטילעריע האָט ניט געשאָסן, מוירע האָבנדיק וואַרשײַנלעך טרעפֿן אין זײַן אײגענער אינפֿאַנטעריע. דער־צו איז נאָך דער סוינע געווען דעזאָרגאַניזירט וויי עס טרעפֿט שטענדיק בײַ אַ שנעלן דורכרײַס נאָך אַן איבער־גאַנג. אַדאַנק דער אַנטשיידענער אַרבעט פֿון די טאַנקעס, האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּוואַרפֿן דעם סוינע צוריק הינטערן טײַך.

די טאַנקעס קענען אָנטײלנעמען ניט נאָר באַם פֿאַר־טיידיקן זיך. זיי העלפֿן אויך באַם אַרויסגיין פֿון שלאַכט. דער צאַד, וואָס גייט אַרויס פֿון שלאַכט, שטרעבט פֿריִער פֿון אַלץ, וואָס גיכער אָפּרײַסן זיך פֿון סוינע און ווי ווײַט מעגלעך פֿאַרהיטן די לעבעדיקע קראַפֿט, ד. ה., די אינפֿאַנ־טעריע. דעריבער ווערט קענן דעם אָנגרײַפֿנדיקן און פֿאַר־

פאָלגנדיקן סוינע ארויסגערוקט אינ אריערגארד אסאך אינ־פאנטעריע און ארטילעריע, קוילנוואָרפערס און איבערהויפּט געפּאנצערטע קויכעס. די געפּאנצערטע קויכעס—פּאנצער־אווטאָמאָבילן און טאנקעס—אדאנק זייער באוועגלעכקייט, פּאנצער און פייער־מיטלען און די טאנקעס אויך אדאנק דעם, וואָס זיי גייען אומעטום,—קענען לייכט ארויסגיין פון זייערע באהאלטענע ערטער און צווינגען דעם פארפאָלגנדיקן סוינע אָדער אָפּטרעטן אָדער אָפּשטעלן זיך. דאָס גיט א מעגלעכקייט די קוילנוואָרפערס, דער ארטילעריע און די קליינע אינפאנטעריע־טײלן אָפּטרעטן און איינאָרדענען זיך אף א נייער פארטיידיקונג־ליניע.

דער קאמף פון די טא קעס קעגן טאנקעס.

נאָך א גרעסערע באדייטונג האָבן די טאנקעס אין קאמף קעגן די טאנקעס. דער בעסטער פארניכטער פון די טאנקעס איז דער געפּאנצערטער זעלבסטגייענדיקער און שנעל־שיסנדיקער הארמאט, ס'הייסט, אינ עצעם גערעדט, דערזעלבער טאנק. אזא טאנק, באנוגענענדיק זיך מיט א קוילנוואָרפער־טאנק, וועט אים לייכט בייקומען. אין קאמף מיט די טאנקעס בויען זיך איצט אין רוסלאנד ספּעציעלע פארניכטער (געמ. 19) און געפּאנצערטע טראקטער־הארמאטן (געמ. 20 און 21).

די דייטשן האָבן אין אימפּעריאליסטישן קריג געהאט זייער ווייניק טאנקעס און פונדעסטוועגן זיינען שוין דעמלט פאָרגעקומען אייניקע שלאכטן פון טאנקעס קעגן



געמ. 19. פאנצער־פארניכטער פון טאנקס.



געמ. 20. א זעלבסטגייענדיקער 82 מילימעטערדיקער הארמאט.

טאנקעס (ד־טע פראגע, זע זײַטל 57) אין צוקונפטיקן קריג, װעלן, אָן שום צװײפל, אסאך אָפטער פּאָרקומען טאנקעס־שלאכטן. דער אױסגאנג פון א טאנקעס־שלאכט הענגט אָפּ ניט נאָר פון דעם װיפל, און װעלכע טאנקעס עס װעלן



בעמ. 21. קעגנטאנק־הארמאט (װערט געפירט פון דער טאנקעטקע קארדען־לאָיד.

זײַן אױף דער אָדער יענער זײַט, נאָר אױך פון דעם, װאָס פאר אן אָנטײל נעמט אין דעם שלאכט די אינפאנטעריע און ארטילעריע, העלפנדיק זײערע טאנקעס צום פארניכטן דעם סוינעס טאנקעס און פירנדיק גלײַכצײַטיק א שלאכט מיט דעם סוינעס אינפאנטעריע און ארטילעריע.

פראגן:

5. א וועלכן טײַך קענען די לײַכטע טאנקעס ניט נעמען?

א לײַכטער רענאָ־טאנק קען ניט גײן איבער א וואסער מער פון 70 סאנטימעטער די טיף, מיט סטראָמיקע ברעגן מער פון 45°, מיט א שלאמיקן גרונט, מיט זומפּיקע ברעגן, וואָס פּוסגײער קענען ניט דורכגײן.

יעדע פון דידאָזיקע אײַגנשאַפטן מאכט אוממעגלעך פאר די טאנקעס דורכצוגײן דעם טײַך. אָט פארוואָס דער סוינע האָט זיך אָפּגעשטעלט ערשט דאן, ווען ער האָט זיך שוין געפונען הינטערן טײַך, וועלכע האָט פארהאלטן די טאנקעס.

6. פארוואָס האָבן די טאנקעס צוערשט אטאקירט דעם הארמאט?

א הארמאט איז דער גרעסטער סוינע פון די טאנקעס. דעריבער שטארען זיך שטענדיק די טאנקעס צו פארניכטן די קעגנטאנק־הארמאטן און דערנאָך ערשט נעמען זיך פאר דעם סוינעס אינפאנטעריע און קוילנוואַרפער. אָט פאר־וואָס די אינפאנטעריע קען צײַטווײַליק פארבלײַבן אָן דער שטיצע פון די טאנקעס, דעריבער איז בעסער, אויב די אינפאנטעריע און ארטילעריע וועלן מאכן א סאָך מיט אזעלכע הארמאטן און די טאנקעס—מיט די קוילן־וואַרפער.

7. וויאזוי שלאָגן זיך טאַנקען־צווישן זיך?

בײַם א צוזאמענשטויס פון א לײַכטן קוילנוואַרפער־טאַנק מיט א שווערן, דאַרף דער לײַכטער אויסנוצן זײַן שנעלן גאַנג און לאָזן די שווערע טאַנקעס שלאָגן זיך מיטן טויט. אין ערגסטן פאַל קען א לײַכטער טאַנק אַרײַנטרעטן אין



געב. 22. א שווערער טאַנק צעקלאַפּט א לײַכטן.

קאַמף מיט א שווערן, צילעווענדיק דעם פײַער אין די קוק־לעכער פון שווערן טאַנק. פאַר א לײַכטן טאַנק שפּילט א גרויסע ראָלע זײַן קלענער פאַרנעם און זײַן באַוועגלעכקײַט.

בעסער איז, אויב אין א צוזאמענשטויס פון טאַנקעס זאָל מען קענען שיסן פון צוויי טאַנקעס איבער דעם איין טויטנס טאַנק, דאָ וואָלטן אפילו 2 לײַכטע טאַנקעס מיט

פֿערפֿאָלג זיך קענען שלאָגן מיט א שווערן אָדער א מי־
טעלן. א טאנק, וואָס איז באוואָפֿנט נאָר מיט א קוילנ־
וואַרפֿער, איז מערסטנטייל פֿארוואָרטיילט אַפֿ אומקום, ווען
ער טרעפֿט זיך מיט טאנקעס, וואָס זײַנען באוואָפֿנט מיט
האַרמאַטן (נעמ. 22).

די אַרבעט פֿון די טאַנקעס אָפּגעריסן פֿון דער אינפֿאַנטעריע.

דער וואלד־פּאס, אַף וועלכן עס זײַנען פֿאָרגעקומען די
קריג־אָפּעראַציעס נאָכן אוועקגיין פֿון סוינע, איז געווען
רײַך מיט טײַכלעך און זומפּן. אונדזער אָנגרײַפֿנדיקן מילי־
טער איז אויסגעקומען צו פֿירן שווערע שלאַכטן. די גאַנצע
שוועריקײַט פֿון די שלאַכטן האָט זיך געלייגט אַף דער
אינפֿאַנטעריע און סאַפּיאָרן, ווײַל די טאנקעס האָבן דאָ ניט
געקענט אַרבעטן און די אַרטילעריע איז אָפּגעשטאַנען פֿון
דער אינפֿאַנטעריע און האָט שלעכט באַאָבאַכטעט. דער סוינע
האָט אַקשאָנעסדיק פֿאַרהאַלטן אונדזער אָנגריף אין דעם
וואַלד־רײַאָן, וואָס איז גינסטיק צום פֿאַרטיידיקן זיך. דער
סוינע האָט גענומען אָפּטרעטן בלויז דאַן, ווען אַפֿן צווייטן
באַצירק האָט זיך אָנגעצייכנט אונדזער גרויסער דערפֿאָלג.

אין אייניקע טעג אַרום איז אונדזער ראָטע אַרויס פֿון
וואַלדיקן רײַאָן אַף טרוקענע און אָפֿענע בערגלעך. ס'איז
באַפֿוילן געוואָרן אָן קיין שום אָפּהאַלט פֿאַנאַנדערוויקלען
דעם דערפֿאָלג. ווידער האָט מען אונדז צוגעגעבן טאַנקעס

און א גרויסע צאָל ארטילעריע. א טייל טאנקעס זיינען אויסגעשטילט געוואָרן אין א גרופּע אף באגלייטן און אונ־טערהאלטן די אינפאנטעריע, א גאנצער באטאליאָן טאנקעס איז געווען באשטימט פאר „ווייטע אָפּעראציעס"—דעם בא־טאליאָן האָט מען אויפגעשטעלט אן אויפגאבע: פארניכטן די באטארייעס פון סוינע און צעגראָמירן זיין נאָענטן הינ־טערגרונט, קעדיי צעשטערן די פארבינדונג און דערנערונג.

אָט וואָס עס האָט וועגן דעם דערציילט דער קאָמאנדיר פון דער טאנקעס־ראָטע, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אין דער טאנקעס־גרופּע צדער, ווי מע זאָגט, אין עשאלאָן פון „ווייטע אָפּעראציעס", וואָס האָט צעגראָמירט די ארטילעריע אין הינטערלאנד פון סוינע.

„ערעוו דער אטאקע האָבן מיר באקומען אן אעראָפּאָ־טאָסכעמע [1]) פון דעם סוינעס פּאָזיציע מיט זיינע באטארייעס. מיר האָבן לויט דער אעראָפּאָטאָסכעמע און דורך אן אויס־שפּירונג, וואָס מיר האָבן געפירט פון די באָבאכטונג־פונקטן, גוט דערלערנט דעם אָרט אף דער קארטע. פאר די טאנקעס האָבן מיר אויסגעזוכט אויסגאנג־פּאָזיציעס, גוט פארבאהאלטענע פון סוינע סיי פון דער לופטן, סיי פון דער ערד. מיין ראָטע איז געגאנגען פאָרויס, די איבעריקע סרעפּארטיק פונהינטן, רעכטס און לינקס. מיין ראָטע האָט באדארפט פארניכטן די באטארייע נום. 3 און נום. 2 און ארבעטן ווייטער דאָרט, ווו עס וועט זיך ארויסווייזן א פאר־

---

[1]) אעראָפּאָטאָסכעמע—א סכעמע, וואָס איז געמאכט ־פון גרונט פון די פאָטאָגראפישע בילדער, ארויפגענומענע פון אן אעראָפלאן.

באהאלטענע באסארייע, אָדער ווען די צווייטע און דריטע ראָטע וועלן שלעכט ארבעטן (געם. 23). פארניכטנדיק די באטארייע, האָבן מיר באדארפט ארומגיין דעם בלויען וואלד און שלאָגן איבער די הינטערגרונטן פון סוינע הינטערן וועלדל, ווו, לויט אונדזערע ידיעות, עס האָבן באדארפט זיין די אָבאָזן און די ארטילערישע פארקן. אין אונדזער אויפגאבע איז נאָך ארײַן פארניכטן די טיילן, וואָס גייען אוועק פון פראָגט, אזוי אויך די טיילן, וואָס קומען אָן צוהילף אפן פראָנט. דער זאמל־פונקט איז געווען באשטימט אין „בלויען וואלד".

4 דעם זייגער זײַנען אלע געזעסן אין די מאשינעס אין דער פולער גרייטקייט צו גיין פאָרויס. מע האָט נאָר געוואַרט אף א סיגנאל.

די ארטילעריע האָט דערלאנגט פײַער און די סנאריאדן האָבן זיך געטראָגן איבער אונדזערע קעפ. עס האָבן זיך צוזאמענגעמישט אינאיינעם דער פײַף פון די לײַכטע האר־מאטן־שאָסן און דער רויש פון די שווערע הוביציעס.

4 אזייגער מיט 15 מינוט האָב איך צוגענומען דעם סיגנאל „פאָרויס" און כ'האָב פייקלעך עס איבערגעגעבן די קאָמאנדירן פון די ווזוואָדן און אליין מיטן טאנק אוועק פאָרויס.

שנעל ארויסגייענדיק אפן שפיץ בערגל — לויט דער נאָך נעכטן אָנגעמערקטער ריכטונג, — האָב איך דערזען, ווי די סנאריאדן פון אונדזער ארטילעריע רײַסן זיך אין צווי פונקטן; אף א הייך, ווו עס איז געוואקסן א בוים און אף דער הייך פון 100,5. ס'איז געווען אָפגערעדט, אז מיר



בעם. 23. די סיטואציע, ווו די טאנקיסט־רעסטע דארף ארבעטן אין דער
גרופע פון „ווייסע אפעראציעס".

װעלן זײַן אין דעם רײַאָן צװישן די בײדע בערגלעך, װאָס איז פרײַ פון גריבער. איך האָב געפירט אהין דעם טאנק און בין געגאנגען מיט דער מאקסימאלער שנעלקײַט. מיר זײַנען שנעל פארבײַ געגאנגען די אײגענע אינפאנטעריע און דערגרײכט די דראָט־פארצאמונגען. עטלעכע סנאריאדן האָבן זיך אופגעריסן ניט װײַט פון מײַן טאנק. פונדעסט־הענן זײַנען מיר ניט דערגאנגען צו די דראָט. די אופרײַסן פון די סנאריאדן האָבן זיך אריבערגעטראָגן הינטערן שפיץ בערגל. אויסמײַדנדיק ניטגעװונטשענע צוזאמענשטויסן מיטן סוינע, זײַנען מיר געגאנגען שנעל פאָרויס. איך האָב געזען א קוילנװארפער, װאָס האָט געשאָסן איבער אונדז. עס האָט זיך באװיזן א באטאליאָן־הארמאט. דער טאנק פון 2־טן װזװאָד, װאָס איז געגאנגען לעבן אונדז אין פולן גאנג, האָט מיטן קוילנװארפער צעהארגעט די דינערשאפט.

אַז האָט מײַן טאנק אויסגעמײַדט די ערשטע שוץ־גראָבנס און איז אריבער דעם שפיץ בארג. איך בין געבליבן שטעקן אף דעם שוץ־גראָבן, נאָר צוגעבנדיק אביסל גאז, באהערש איך די שטערונג און גײ װײַטער, אריבער־יאָגנדיק די אָניאָגנדיקע ערשטע און צװײטע װזװאָדן.

פונװײַטן באמערק איך א װעלדל. דאָ און דאָרט זעט מען אופגעריסענע שװערע סנאריאדן. איך זע דעם בליאסק פון די שאָסן. דאָס האָט די באטארײע נומ. 3 געעפנט א פײַער איבער מײַן ראָטע. איך גיב א סיגנאל „אין אטאקע, נאָך מיר, אף דער באטארײע". די צװײטע און דריטע טאנק־ראָטעס גײען פונװײַטן און פון די זײַטן אף א מעטער 400 פון מיר.

איך זע, ווי די אויפרייסן פון די סנאַריאַדן ווערן שיטע־רער. אונדזער אַרטילעריע האָט איבערגעגעבן אַף אונדזער באַראַט די באַטאַרייעס פון סוינע און אַליין האָט זי דעם גאַנצן פייער אַריבערגעטראָגן אַף די אינפאַנטעריע־טיילן.

געב. 24. די מענטשן פון דער באַטאַרייע אַנטלויפן.

אַרום אונדז רייסן זיך די סנאַריאַדן און פאַרדעקן מיט רויך און וואָלקנס שטויב די באַאָבאַכטונג.

איך גיי מיטן ערשטן וזוואָד פונקט אַנטקעגן דער באַ־טאַרייע, דער צווייטער גייט אַפן לינקן און דער דריטער — אַפן רעכטן פלאַנג. מיר דערלאַנגען שטאַרקן פייער. איך זע, ווי עס שטעלט זיך אָפּ א טאַנק פון ערשטן וזוואָד — אי־בערגעשלאָגן די רויפע. אָבער ער שיסט. איך זע, ווי זיינער א סנאַריאַד האָט געטראָפן אין א האַרמאַט פון דער באַטאַרייע.

מיר דערנענטערן זיך צו די פּאָזיציעס... די מענטשן לויפן זיך פאנאנדער (געמ. 24). מיר זײַנען שוין אויף דער באטארייע... דער קאָמאנדיר פון דעם טאנק פון צווייטן

געמ. 25. דער קאָמאנדיר פון טאנק האָט שנעל ארויסגענומען דעם שלאָס פון הארמאט.

וזוואָד שפּרינגט ארויס פון טאנק און אײַנציקנדיק נעמט ער שנעל ארויס די שלעסער פון די הארמאטן. ער נעמט זיי מיט זיך אין טאנק (געמ. 25).

די סנאַריאַדן פון אונדזער אַרטילעריע האָבן שטאַרק צעגראָבן דעם רײַאָן. די טאַנקעס גייען אַרום די גאַנצע צײַט די גריבער, וואָס שאַפן זיך פון די שווערע סנאַריאַדן. פונדעסטוועגן קומען מיר אינגיכן אַרויס אַף אַ מער גלאַטן אָרט און גייען אין פולן גאַנג פאָרויס. איך גיב אַכטונג, וואָס עס טוען די איבעריקע ראָטעס. זיי זײַנען אַרײַנגע-טראָטן אין אַ שלאַכט מיט די איבעריקע באַטאַרייעס פון כוינע. אַ באַזונדערס שטאַרקע שיסערײַ גייט פון רעכטס. איך באַשליס קומען צו הילף דער צווייטער ראָטע. איך גיי גלײַך, דערנאָך גיב איך אַ קער רעכטס און פאַרגיי אין הינטערגרונט פון דער באַטאַרייע, וואָס קעמפט קעגן אונ-דזער צווייטער טאַנקעט-ראָטע.

מיר עפענען אַ פײַער פון קוילנוואַרפער אין הינטער-גרונט פון דער שיסנדער באַטאַרייע... מענטשן פאַלן פאַר-ווונדעטע און דערהאַרגעטע. איין האַרמאַט גיט זיך אַ קער אום אַף הינטער — אַף מײַן ראָטע. נאָר איך פאַל אָן אַף אים מיט פײַער פון מײַן האַרמאַט. די צווייטע ראָטע וועט שוין איצט אַליין באַקומען. איך גיב אַ סיגנאַל: „סו, וואָס איך". איך גיב אַ קער די ראָטע אַף צוריק און גיי אַף דער באַ-טאַרייע נומער 2, אָבער איך פאַל אונטער אונטערן אַרטי-לערישן פײַער, וואָס קומט פון עק בלויען וועלדל. דאָס איז אַ באַטאַרייע, וואָס דער אַעראָפאָטאָבילד האָט ניט אַנטדעקט. איך קער אָפּ טייקעף אין ניט קיין טיפן טאָל, און דאָס באַהאַלט מיך אויס פון דעם פײַער. איך שטעל אָפּ דעם טאַנק, עס הערן זיך אייַנצלנע שיסערע ביקסן-שאָסן פון לינקס — דאָס איז אָדער די פערטע, אָדער די פינפטע

באַטאַרייע. איך גיב אַ קוק שנעל אַף דער קאַרטע. כ׳באַשליס גיין הינטערן בלויען וועלדל, מיטן ראַנד זייַנעם אַרומגיין די באַטאַרייע. מיר גייען אַפּן דאָרף סעווערינאָווקע, אַף דעם הינטערגרונט פון טרינגע מיט דער זיכערקייַט, אַז אויך די איבעריקע ראָטעס האָבן אויסגעפילט זייערע אויפגאַבעס. מיר גייען אַרום מיטן טאָל דעם בלויען וועלדל און, באַהאַלטנדיק זיך הינטער די קוסטעס, גייען מיר אַף סעווערינאָווקע. צום כאַפּ, אין די קוסטעס שטויסן מיר זיך אָן אַף פאַטראָן־פורלעך, ביי דערלאַנגען פייַער פון די קוילנוואַרפערס איבער די בענטשן און פערד, מיר שנייַדן איבער דעם שליאַך, וואָס פירט אַף סעווערינאָווקע, רייַסן זיך אַרייַן אין דאָרף פון הינטערגרונט־טייל און דערלאַנגען פייַער פון די קוילנוואַרפערס און האַרמאַטן. שנעל אַנטלויפט אַן אויטאָמאָביל, קאָנטיק פון שטאַב. עס האָבן זיך צעטראָגן עטלעכע פערד. לעבן די טאַנקעס רייַסן זיך אויף עטלעכע האַנט־גראַנאַטעס, אָבער אומזיסט. מיר גייען אַרויס פון דאָרף. ? גיבן אַ קער אַפּן וועג רעכטס. אין שטויסן זיך אָן אַף אַן אייַלנדיקער אינפאַנטעריע־דאַטע. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַפּן וועג און אַרום וועג — צענדליקער דערהאַרגעטע און פאַרוווּנדעטע, צעקלאַפּטע פורלעך און קוילנוואַרפערס... די ראָטע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווי אַ שלאַכט־אייַנס.

דערנאָך האָב איך אַ קער געטאָן הידער אַף צאָפן און בין אַרויס אַפּן וועג, ווו כ׳האָב אין די קוסטעס אָפּגעשטעלט די טאַנקעס, קעדיי אַרומקוקן און אָריענטירן זיך. פאָרויס — גרויסער און געדיכטער וואַלד, וואָס פאַר די טאַנקעס איז איבעגלעך ניט דורכצוגיין... איך האָב באַשלאָסן לאָזן די

בענקשן אויסרוען, עפּענען די ליוקעס און אָן עטעם טאָן מיט פרישער לופט. אין דער נאַכט האָבן געפעלט צוויי טאַנקעס, כּוץ דעם איז קאַליע געוואָרן א קוילנוואַרפער און א טאַנק. איך האָב באַשלאָסן צוזוואַרטן דאָ, ביז וואַנען עס וועלן ניט צוגיין די איבעריקע ראָטעס און איינציקע פאַרנעמען עפין די אַרויסגאַנגען פון גרויסן וואַלד.

אינגיכן האָבן מיר דערהערט א רויש פון מאָטאָרן פון מיזורעך און דאָרעם: דאָס זייַנען צוגעגאַנגען אונדזערע 2־טע און 3־טע טאַנק־ראָטעס. מיר זייַנען אַלע אַוועק אַפן זאַמל־פּונקט״.

אַזוי האָט אויסגעפילט איר אויפגאַבע א גרופּע טאַנקעס פון „ווייַטע אָפּעראַציעס״, ד. ה., א באַטאַליאָן פון טאַנקעס, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו אַרבעטן קעגן דעם סוינעס אַרטילעריע און אין די הינטערגרונטן.

די לייַכטע טאַנקעס האָבן דאָ געאַרבעט מיט דערפאָלג, אָבער דידאָזיקע אויפגאַבע וואָלטן זיי ניט אויסגעפילט, אויב זיי וואָלטן דאַרפן אָפּערירן קעגן שטאַרק באַפעסטיקטע פּאָזיציעס. די לייַכטע טאַנקעס וואָלטן דאַן ניט געקענט אַריבערגיין די ברייטע שוץ־גראָבנס, טראַנשייען און א ריי אַנדערע שטערונגען, אַנשטאָט זיי וואָלטן מען דאַרפן האָבן שווערע טאַנקעס, אָבער ניט קיין שטילגייענדיקע, ווי די מאַרקע V (געמ. 3), נאָר שנעלגייענדיקע, ווי צום בייַשפּיל, די שווערע וויקער־טאַנקעס. (געמ. 5). אַזעלכע טאַנקעס וואָלטן ניט נאָר שנעל אַריבער אַלע שטערונגען,

נאָר זיי וואָלטן נאָך קענען דערשטיקן א באטאריע אף א פארפעסטיקטער פּאָזיציע.

אזוי האָבן די ענגלענדער אין אימפּעריאַליסטישן קריג געמאכט אזעלכע אָנפאלן אף די באטארייעס און אפן הינ־טער־גרונט פון סוינע אפילע מיט דער הילף פון שטיל־גייענדיקע טאנקעס, וואָס פלעגן פאנאנדערוויקלען די גרעס־טע שנעלקייט ביז 8—6 קילאָמעטער א שאָ. עס זיינען באַ־וווּסט פאלן פון טאנקעס־אָנפליען אין הינטערגרונט פון סוינע אויך אין דעם בירגער־קריג. דאָס פלעגן די ווראנ־געלצעס מאכן אזעלכע שפאצירן. אָבער בא זיי איז געווען ווייניק טאנקעס און דערצו איז זייער ארבעט אין הינטער־גרונט ניט געגאנגען איינצייטיק מיטן אָנגריף פון מיליטער אפן פראָנט. דעריבער האָבן אזעלכע אָנפליען נאָר געבראכט שאָדן, שטערונגען, אָבער זיי האָבן ניט געווירקט אפן אויס־גאנג פון קאמף.

די געשיכטע ווייס פון פאלן, עטעס איינצלנע, ווען די טאנקעס האָבן זיך אריינגעריסן אין הינטער־גרונט פון סוינע אויך באדערנאכט. וויבאלד עס האָבן געטראָפן אזעלכע פאלן, הייסט עס, אז זיי זיינען מעגלעך אויך אין דער צו־קונפט. מע דארף אָבער זאָגן, אז באנאכטיקע אָפּעראציעס זיינען שווערלעך פאר טאנקעס און אויך פאר געפאנצערטע מאשינעס. דעריבער אף דורכצופירן באנאכטיקע אָפּערא־ציעס דארף מען זיך גוט צוגרייטן, צוגרייטן די מאשינעס, דעם פערזענלעכן באשטאנד און דערלערנען דעם אָרט. די ענגלענדער פלעגט זיך איינגעבן דורכפירן אזעלכע באנאכ־טיקע אָנפליען ניט מיטן ציל צו צעקלאפּן דעם סוינעס מי־

ליטער אָדער צעשטערן װעלכע ניט איז אופּבױונגען, נאָר כיטן ציל צו פירן א טיפע אויסשפּירונג. איצט איז מיט די שנעל-גייענדיקע טאנקעס פיל מעגלעכער צו פירן אזעלכע אויסשפּירונג-ארבעטן. מיט זייער הילף קען מען פעסט-שטעלן, װאָס ברייט דער סוינע באנאכט.

צום שלוס דארף מען לייגן אכט אף פאָלגנדיקס: װי-גוט עס זאָלן ניט ארבעטן די טאנקעס אין הינטער-גרונט פון סוינע, װיפל באטארייעס, פארקן און שטאבן זיי זאָלן ניט פארניכטן, איז אויב דאָס מיליטער (אינפאנטעריע, אר-טילעריע) זאָל גאָרניט טאָן, ניט אָנגרײַפן און װארטן, אז דער סוינע זאָל אליין אװעק, דערשרעקנדיק זיך פאר די טאנקעס, װעט מען זיך קיינמאָל ניט דער-שלאָגן צו א זיג. װי גרויס עס זאָלן ניט זײַן די פאר-לוסטן און דער שאָדן פון דעם טאנקעס-אָנפאַל אין הינטער-גרונט פון סוינע—װעט דער סוינע שטענדיק קענען, אויב די אינפאנטעריע װעט ניט פארפעסטיקן די דערפאָלגן פון די טאנקעס, ניט נאָר אופּהאלטן זיך, נאָר אויך פארניכטן די טאנקעס, אונטערפירנדיק שנעל נײַע באטארייעס און נײַע קוילעס.

די ארבעט פון די טאנקעס צוזאמען מיט דער קאװאלעריע.

אף די טאנקעס װערט ארופּגעלייגט אן אופּגאבע ניט נאָר העלפן דער אינפאנטעריע קעמפן קעגן דער אר-טילעריע, נאָר אויך ארבעטן צוזאמען מיט דער קאװאלע-

דיע, וועלכע באוועגט זיך באדײַטנדיק שנעלער פון דער אינפאנטעריע, און איז בעקוועם אדאנק דעם אויספילן אזעלכע אויפגאבן, ווי שנעל ארומנעמען דעם פלאנג, מאכן א רייד אין הינטער־גרונט פון סוינע, פאנאנדערוויקלען א הינטערהײַט א. ● וו. איצט איז אָבער דער קאוואלעריע אסאך שווערער אויסצופילן די אויפגאבן איידער פריער: ניט נאָר דער פראָנט, נאָר אויך דער הינטער־גרונט איז אָנגעזעטיקט מיט פײַער־מיטלען און אנדערע טעכנישע מיטלען פון קאמף. דעריבער דארף מען מיט דידאָזיקע טעכנישע מיטלען פאר־שטארקן אויך די קאוואלעריע. אָבער אזוי, אז פון דעם זאָל זיך ניט פארקלענערן איר באוועגלעכקייט. איינער פון אזעלכע טעכנישע מיטלען איז א שנעל־גייענדיקער טאנק.

דער שלאכט־סטאטוט פון דער קאוואלעריע זאָגט, אז די הינטערשטיקע שנעלגייענדיקע טאנקעס קען מען אָנווענדן אין דער ארבעט אינאיינעם מיט די רײַטער־טיילן אף צו געבן א פלוצלינגדיקן און שנעלן פײַער־קלאפ אין פארבינדונג מיט דער ארבעט פון דער קאוואלעריע אפן פלאנג אָדער אין דעם נאָענטסטן הינטער־גרונט פון סוינע.

געפאנצערטע אויטאָמאָבילן ארבעטן אויך צוזאמען מיט דער קאוואלעריע, אָבער, ווי א קלאל ארבעטן זיי אף די וועגן און ווערן הויפטזאַכלעך צוגעגעבן צו ניט קיין גרויסע קאוואלעריע־אָפטיילונגען אף צו פירן אן אויסשפירונג און אף באשיצן.

עס לוינט אויך ניט טאנקעס צו צעשפליטערן איבער איינצלנע קאוואלעריע־אָפטיילן. בעסער איז אויסנוצן זיי ווי א שלאָג־פויסט דאָרט, וווּ מע דארף דערלאנגען דעם סוינע

אַן אַנטשיידענעם קלאַפּ, ווי אויך דאָרט, וווּ דער קאַוואַלעריע אַליין איז שווער אָדער אוממעגלעך צו בײַקומען דעם סוינע.

דעריבער, איבער די געפּאַנצערטע אַוטאָמאָבילן גייען שטענדיק פֿאָרויס און נעמען אָן אַנטייל אין דער אויסשפּי־רונג, איז שוין אַ כּלל, אַז די טאַנקעס ווערן אויסגענוצט, ווי אַ באַוועגלעכער רעזערוו פֿאַר דער קאַוואַלעריע און ווערן אַרײַנגעפֿירט אין די אָפּעראַציעס ערשט נאָכדעם, ווי די קאַוואַלעריע האָט דורכגעפֿירט די אויסשפּירונג, וועט קלאָר מאַכן די פּאָזיציע פֿון סוינע און וועט אַרײַנגיין מיט אים אין אַ שלאַכט.

וואָס פֿאַר אַ טאַנק טויג אויף אַרבעטן מיט דער קאַוואַ־לעריע?

דאָס הענגט אָפּ פּונקט אָרט, פֿון דעם, וואָס פֿאַר אַ וואַ־סער־פֿאַרצאַמונגען עס זײַנען פֿאַראַן און וואָס פֿאַר אַ בריקן עס זײַנען איבער זיי. ניט יעטווידער בריק קען אויסהאַלטן אַ וועלכן עס זאָל ניט זײַן טאַנק. אַ עלטערער בריק אויף אַ טראַקט אָדער אויף אַ דאָרפֿישן וועג וועט אויסהאַלטן אַ 3־טאָניקן וויקערס־טאַנק, פֿיל בריקן וועלן ניט אויס־האַלטן אַפֿילו אַ 6 טאָניקן לײַכטן טאַנק. אַלע בריקן לאָזן אָבער פֿרײַ דורך אַ טאַנקעטקע. די רײַטער באַוועגן זיך שנעל, אָפּטמאָל אַפֿילו ניט אויף וועגן; זיי קענען ניט וואַרטן, ביז וואַנען די טאַנקעס וועלן אַרומגיין יעדן בריק. אָט פֿאַרוואָס דער בעסטער טאַנק, וואָס קען באַגלייטן די קאַ־וואַלעריע, איז דער לײַכטער טאַנק אָדער די טאַנקעטקע.

פֿונדעסטוועגן איז אַ טאַנקעטקע, אין הײַנטיקע באַדינגונ־גען, גיכער פֿון אַלץ אַ מיטל פֿון אויסשפּירונג. דעריבער־

איז דער װירקלעכער געפאנצערטער שלאָג־מיטל פאר דער קאװאלעריע — א לײַכטער שנעלגײענדיקער טאנק. אין דער צוקונפט, װען די טאנקעטקע װעט פארפולקאָמט װערן, װעט זי געװיס קענען פארבײַטן מיט זיך אין אײניקע פאלן א לײַכטן טאנק און װעט אויסגענוצט װערן פון דער קאװאלעריע, װי א מיטל אף געבן א פײַער־קלאפ.

די ארבעט פון די טאנקעטס אינעם באַשטאנד פון די מאָטאָריזירטע און מאָטאָמעכאניזירטע טײלן.

מאָטאָריזירטער טײל װערט אָנגערופן א װעלכער ניט איז מיליטערישע טײל, פאר װעלכן אן אװטאָמאָביל, א טראַקטער אָדער א מאָטאָציקל דינט אלס גרונט־מיטל פון פארקער. אויב, צום בײַשפּיל, א שיסער־פאָלק באװעגט זיך ניט צו פוס, נאָר אף אװטאָמאָבילן, װעלכע זײַנען פאר אים פארפעסטיקט, רופט ער זיך אָן א מאָטאָריזירטער פאָלק. א מאָטאָריזירטער טײל באװעגט זיך אזוי ארום אף גיטע װעגן אסאך שנעלער, אײדער א װעלכער ניט איז אינפאנטעריִשער אָדער אפילו א קאװאלעריע־טײל.

א מעכאניזירטע פארײניקונג רופט זיך אָן אזא פארײניקונג, װעלכע נוצט אויס דעם מאָטאָר ניט נאָר צום באַװעגן זיך, נאָר אויך אין שלאכט, דאָס הײסט, זי באַשטײט פון טאנקעטקעס, געפאנצערטע אװטאָמאָבילן, טאנקען און שנעלגײענדיקער ארטילעריע. אזא פארײניקונג

איז פֿייִק ניט נאָר צו באַוועגן זיך שנעל, נאָר אויך געבן
א מעכטיקן קלאַפּ דעם סוינע.

אַלע קאַפּיטאַליסטישע אַרמייען פֿירן איצט איַין באַ זיך באַטאָריזירטע און מעכאַניזירטע טיילן, אייניקע לייגן אַפּי־לע פֿאָר מעכאַניזירן די גאַנצע אַרמיי. דער ציל איז באַ זיי אַזאַ: שאַפֿן ניט קיין גרויסע, אָבער אַ מעכטיקע און באַוועגלעכע אַרמיי, אַ פֿאַרשמידטע אין אַ פּאַנצער, מיט אַ גוט געשולטן, דער בורזשואַזיע איבערגעגעבענעם בענטשן־באַשטאַנד. אין דעם פֿאַרגעסן זיי איין זאַך, אַז אויף יעדן קעמפֿער, וואָס זיצט אין דער מאַשין אויפֿן פֿראָנט, דאַרפֿן, לויט די אויסרעכענונגען פֿון ספּעציאַליסטן, אַר־בעטן 30 אַרבעטער אין הינטער־גרונט, כדי צו בויען די מאַשינעס, פֿאַריכטן און באַזאָרגן זיי. און דאָס הייסט, אַז אויף 300 טויזנט, זיי געטרייַע קעמפֿער, וועלכע וועלן זיך עפּעס אָפּזוכן, דאַרף מען אין הינטערגרונט האָבן 9 מי־ליאָן אַרבעטער, וועלכע וועלן, פֿאַרשטייט זיך, ניט פֿאַרטיי־דיקן די אינטערעסן פֿון די קאַפּיטאַליסטן.

מאָטאָריזירטע אָטריאַדן זייַנען שוין באַנוצט געוואָרן אַפֿילע אין 1911־טן יאָר פֿון די איטאַליענער אין טריפּאָ־ליע קעגן די טערקן. זיי זייַנען באַנוצט געוואָרן אויך אינעם אימפּעריאַליסטישן קריג.

א מער ברייטן און באַלערנדיקן מוסטער פֿון אַרבעט פֿון א באַטאָראָזירטן אָטריאַד האָבן מיר געהאַט אין בירגער־קריג.

אין 1920־טן יאָר איז קאָוועל געווען א גרויסער קנופּ אין אַן אָרט, וווּ עס זייַנען געווען קאָנצענטרירט די סקלאַדן פֿון געווער און שלאַכט־באַכשירים פֿון דער 12־טער רויִ־

טער ארמיי. די היטלעריסטן האָבן ארײַנגעזעצט די אינפאַנ-
טעריע אויף אויטאָמאָבילן, צוגעטשעפּעט צו די אויטאָמאָ-
בילן האַרמאַטן, געטריבן געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן אין
זייערע מיטן שאָסיי אוועק אויף קאָוועל ארומרינגלען דעם
רעכטן פֿלאַנג פון דער 12-טער ארמיי. די רויטע קאָמאַנדי---
אַנפירונג האָט ניט דערוואַרט קיין אָנפאַל און האָט ניט
אָנגענומען קיין באַזונדערע מיטלען אכטונג צו געבן אויף
שאָסיי. דער פּאָליטישער אויטאָמאָביל-אָטריאַד האָט פאַר א
בעסלעכע געמאַכט ארום 140 קילאָמעטער און האָט קימאַט
אָן א ווידערשטאַנד פאַרנומען קאָוועל. נאָכן אָטריאַד איז
געגאַנגען די אינפאַנטעריע פון פראָנט. דאָס פאַרנאַמען
קאָוועל האָט זיך אָפּגערופן אויפן גאַנצן גאַנג פון די אָפּע-
ראַציעס קעגן די היטלעריסטן. מיטאַמאָל די פוילן האָט אין
דעם שלאַכט אָפּגעריסן די מאָטאָריזירטע אינפאַנטעריע.
האָט איז איבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן אויף מאַשינען אין
דער מעכאַניזירטער טייל—די געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן. אזא
פאַרייניקטע רופט זיך אַן א מאָטאָ-מעכאַניזירטע
פאַראייניקונג. אָנשטאָט געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן קען
מען צו אזא פאַראייניקונג צוגעבן טאַנקען.

ווי אזוי העלפן די טאַנקען ארבעטן אין באַ-
שטאַנד פון א מאָטאָ-מעכאַניזירטער פאַר-
בינדונג? קענען צו אנטפירן אויף דער פראָנט, דאַרף מען
וויסן, פון וואָס באַשטייט אזא טייל.

אזא טייל האָט עטלעכע גרופּעס.

1. אויפקלערונג-גרופּע פון לײַכט-געפּאַנצערטע
אויטאָמאָבילן מיט קוילמאַרשטער, געפּאַנצערטע אויטאָמאָ-

בילן, עטלעכע האַרמאַטן און קליינע שיסער־און קוילנוואַר־פער־אָפּטיילן אף פראַכט־אווטאָמאָבילן. אזא גרופּע האָט די אויפגאַבע אויסשפּירן דעם סוינע, אַנטאַפּן זיינע פלאַנגען, אַריינדרינגען טיף אין זיינע פּאָזיציעס און אויב עס איז נויטיק־פאַרהאַלטן אפילע זיין אָנגריף.

2. **אווטאָשיסער־גרופּע**. דאָס איז פריער פון אַלץ אינפאַנטעריע אוועקגעזעצט אף פראַכט־אווטאָמאָבילן, וואָס האָט אייגענע אַרטילעריע, וועלכע ווערט אויך געפירט אף מאַשינעס, אייגענע סאַפּיאָרן, אויסשפּיר־און פאַרבינדונג־מיטלען; אַלץ איז מעכאַניזירט, דאָס הייסט, אַלץ באַוועגט זיך אף די אווטאָמאָבילן. דיזאָזיקע גרופּע האָט אַן אויפגאַבע פאַרקלאַמערן דעם סוינע, און ווען מען דאַרף פירן א שלאַכט, דאַרף די אינפאַנטעריע אַרויסזעצן זיך פון די מאַשינעס, דאָס איז, ווי מען זאָגט, „אַוועקגיין צו פוס“,

3. **אַרטילערישע** גרופּע, וועלכע באַשטייט פון עטלעכע זעלבסטגייענדיקע אָדער אָנגעלאָדענע אף אווטאָמאָבילן אַרטילערישע באַטאַרייעס.

4. **טאַנקעס**־גרופּע—פון שנעלגייענדיקע טאַנקעטן, לייכטע אָדער מיטעלע; זי האָט אַן אויפגאַבע צו געבן דעם סוינע א צעשמעטערנדיקן קלאַפּ.

אין דעם גרעסטן טייל האָבן אַזעלכע פאַרמירונגען אייגענע אויסשפּירונג—אין שטורם־אוויאַ־אָטריאַדן.

אזא מאָטאָ־מעכאַניזירטער טייל קען: 1) דורכגיין אין א מעת־לעת אַרום 150—120 קילאָמעטער. 2) שנעל באַוועגן זיך, פּלוצלונג באַווייזן זיך און 3) מיט דער הילף פון די טאַנקעס געבן דעם סוינע א מעכטיקן און טיפן קלאַפּ.

נאָר דאַך קען אזא פאריניקונג זיך לאנג ניט פארטיידיקן, ווײַל זי פארמאָגט ווייניק אינפאנטעריע; זי איז אויך ניט פעיִק דורכרײַסן א שטארק באפעסטיקטע פּאָזיציע און פירן א דווערנדיקן אקשאָנעסדיקן אָנגריף. דעריבער ווערט זי אָנגעווענדעט אין פרײַע מאנעווערס, ד. ה., אף ארויסזיין דעם סוינעס פלאן און געבן א פלוצלונגדיקן קלאפּ איבער זײַנע קאָלאָנעס, אף צו פארפאָלגן דעם סוינע און אף ארבעטן צוזאמען מיט די קאוואלעריע טיילן. באנאכט אָנווענדן אזא פאריניקונג איז זייער שווער.

דער יעסאָד פון דעם אווטאָ-מעכאניזירטן טייל זײַנען די טאנקעס; אָן זיי וואָלט אזא טייל ניט געווען פעיִק צו געבן א מעכטיקן קלאפּ. דער דערפאָלג פון אָנפאלי הענגט אָפּ ניט נאָר פון דער שנעלקייט פון דער באוועגונג פון די טאנקעס, נאָר דערהויפּט פון דער געגנט: אויב די געגנט איז אָן אָפענע, איז קענען די שנעלגייענדיקע טאנקעס שווער צו באשיצן זיך; אויב די פּאָזיציע האָט וואלד, וועלדלעך, באפעלקערטע פונקטן, קוסטעס און הויכע טרוועס, וווּ מען קען זיך באהאלטן, קען מען דאָ גרינג אָרגאניזירן די פארטיידיקונג קעגן די טאנקעס.

א גרויסע ראָלע שפּילן אין די אווטאָ-מעכאניזירטע טיילן די טאנקעס. זיי קענען זיך שנעל באוועגן, זיי זײַנע ווייניק באמערקבאר. און דעריבער קענען זיי פירן א טיפע אויסשפּירונג פון סוינע. א דאנק דעם, וואָס זיי קענען גיין אומעטום, קענען זיי לײַכט, אָן וועגן, ארײַנדרינגען אין הינטערגרונט פון דעם סוינעס קאָלאָנעס, פלוצלונג באשיסן זיי פון די קוילנוואַרפערס און אויך אזוי שנעל ניט ווערן.

ווי מיר זעען, האָבן די טאנקעס א ברייטע און פא־
שיידנארטיקע אָנווענדונג־פון אן ענגער צוזאמענארבעט
מיט דער אינפאנטעריע ביז א זעלבשטענדיקער שלאכט־
ארבעט. איצט קען מען זאָגן, אז די טאנקעס קענען אָנ־
טייל נעמען אין אלע סיטואציעס און אין אלערלייִקע
שלאכטן. וואָס ווײַטער ווערט דער טאנק אן אלץ מער
אָפטער און נייטיקער באגלייטער אין אלע וויכטיקע
שלאכט־אָפעראציעס.

די דערפאָלגן פון דער אינדוסטריאליזאציע
פון אונזער לאנד דערלויבן אונדז צו פארגרע־
סערן די טאנקעס־בויונג.

מיט יעדן טאָג ווערט די רויטע ארמיי
רייַכער אין טעכניק. דער קעמפער
דאַרף באהערשן דידאָזיקע טעכניק.

דערלאַנג
א טאנק!
דערלערן

דעם טאנק, לערן אויס, וויאזוי צו באגיין זיך
מיט אים און קעמפן.

זייַ שטענדיק גרייט צו א באגעגעניש
מיט א טאַנק.

א האנט-ביכל פארן קעמפער אין שלאכט קעגן די טאנקעס.

1. אויב דיר איז כאפוילן געוואָרן אכטונג־געבן, ווען ס׳וועלן זיך באווײַזן די טאנקעס, זײַ וואכזאם, אופמערקזאם און שארפזיכטיק. געדענק, אז פון דײַן וואכזאמקײַט הענגט אָפּ, צי דײַנע כאוויירים וועלן באוויַיזן צוגרייטן זיך צו באגעגענען די טאנקעס און אָנעמען מיטלען אף צו פארניכטן זיי.

2. גיב אכטונג פון א גוטבאהאלטענעם (פארמאסקירטן) אָרט. אכטונג געבנדיק, פארלאָז זיך מער אף דאָס אויג איידער אפן געהער, ווײַל דעם רויש פון די טאנקעס, וואָס גייען אין אטאקע, פארמאסקירט (פארטויבט) אָפטמאָל דער כוינע אומישנע מיט דעם רויש פון די אעראָפּלאנען אָדער מיט דעם דונער פון דער ארטילערישער שיסערײַ.

3. די טאנקעס קענען זיך באוועגן ניט נאָר אף וועגן, נאָר אפילע אף רוי־ערד,—געדענק, אז דאָרט, וו די איינפאנטעריע קען דורכגיין אָן באזונדערע שוועריקײַטן, וועט דאָרטן אויך דורכגיין א גאנצע ראָטע טאנקעס (ניט קיין זומפיקע בלאָטעס, קליינע וועלדלעך א. ד. גל.).

4. האָסטו דערזען טאַנקעס, דריי זיך ניט ארום, לויף ניט פון איין אָרט אפן צוזייטן, ניט וואַרף זיך אין די אויגן פון די טאַנקעס, ניט פאַל אראָפּ בא זיך און קלער ניט, אז די טאַנקעס גייען אומבאַדינגט אף דיר, ווי עס דוכט זיך דיר אויס פונחײַסן. דאָס אנטלויפן וועט ניט ראַטעווען און וועט נאָר שאָדן דיר און דײַנע כאַווײרים.

5. גלײַך, ווי דו דערזעסט א טאַנק, פאַר קיין פאַל אנטלויף ניט פון דײַן פּאָסט. צוערשט קוק זיך ארום, באַ־ שטים וווהין ער גייט, זאָג טייקעף אָן דײַן קאָמאַנדיר און וואַרט אף זײַן באַפעל. באַקומענדיק א באַפעל, פיל אויס שנעל, פינקטלעך און געלאַסן.

6. אויב דער קאָמאַנדיר איז ניטאָ, אַרבעט לויט דער אייגענער איניציאַטיוו און פריער פון אלץ נעמען א פאַר־ שטעלטן אָרט און באַהאַלט זיך. געדענק, אז אויב דו ביסט ניט באַהאַלטן און פאַרמאַסקירט, קען מען אפילע נאָענט פון א טאַנק פאַרבלײַבן אומבאַמערקט, — די באַאָבאַכטונג פון א טאַנק איז א שלעכטע.

7. האָב אין זינען, אז א זומפּיקע בלאָטע, א געדיכטער וואַלד אָדער אן אויסגעהאַקטער וואַלד מיט גראָבע ניט קיין צעפּוילטע וואָרצלען, רויען און טאָלן מיט סטראָמיקע ברעגן, טיפן ביז 2 מעטער די טיף וועלן ניט דורכלאָזן א טאַנק; אייניציקע ביימער, גרעבער פון א האַלבן מעטער, וועלן אים צווינגען ארומגיין ארום. באַם אויסקלײַבן א באַהעל־ טעניש אָדער א באַאָבאַכטונגס־פּונקט באַניץ זיך מיט די דאָ־ זיקע שטערונגען.

8. גיב אכטונג ניט נאָר אפן טאנק, נאָר אויך, וואָס עס באוועגט־זיך נאָך אים. אויב טייקעף נאָכן טאנק גייט אינפאנטעריע, וועלן די בעסטע שיסער אונ די האנטקרילנ־ווארפערס קלאפן איבער די טאנקעס מיט פאנצער־שלאָגנ־דיקע קוילן, די איבעריקע—איבער דער אינפאנטעריע. אויב די אינפאנטעריע וועט אָפגעשלאָגן ווערן, וועלן שוין די טאנקעס ניט האָבן קיין דערפאָלג—אָדער זיי וועלן אריינ־פאלן אין געפענקעניש, אָדער זיי וועלן צעשאָסן ווערן דורך דער ארטילעריע.

9. אויב די באגעגעניש מיטן טאנק איז אומפארמייד־לעך, קלאפ פונדער ביקס איבער די קוק־לעכער אין שפאלטן, פון וואנען עס קוקן ארויס די הארמאטן און קוילנווארפערס.

10. אויב דו האָסט גראנאטעס, ווארף זיי פעקלעכ־וויַיז, צו 5—7 שטיק אונטער דער רויפע אָדער אונטערן בויך פון טאנק: פאר איינציקע גראנאטעס האָט דער טאנק קיין מורע ניט.

11. אויב דו וועסט באגעגענען א טאנק אין א באפעל־קערטן פונקט, סטארע זיך דערקליַיבן זיך צו אים נעענ־טער פון הינטער די געבייַדעס. דערנעענטערנדיק זיך, וואַרף אונטער אים א פעקל גראנאטעס. אויב קיין גראנאטעס זיַינען ניטאָ, פארצאם אים דעם וועג אָדער דעם ארויסגאנג פון דאָרף מיט קלעצער אָדער אנדערע זאכן, וואָס א טאנק, קען ניט ביַיקומען. אויב דער טאנק וועט זיך אָפשטעלן און די קאָמאנדע וועט ארויסגיין באזיַיטיקן די שטערונ־גען, שיס אין איר פון דער ביקס.

12. בא א צופעליקער באגעגעניש מיט די טאנקעס אין וועג, סטארע זיך באהאלטן הינטער ביימער, הינטער שטיינער, בערגלעך אָדער אין קוסטעס און שיס פון הינטער זיי. סטארע זיך טרעפן אין די קוק־לעכער אָדער ווארף א פעקל גראנאטעס אונטער דער רויפע פון טאנק.

13. אויב די טאנקעס וועלן דיך טרעפן אין א שוץ גראָבן און דו וועסט ניט באוויַיזן צו באהאלטן זיך, איז ווי נאָר דער טאנק וועט אָנהייבן אריבערגיין דעם שוץ־גראָבן, ווארף אים אונטער אונטערן בויך א פעקל גראנאטעס און שיס אין אלע לעכער, וועלכע דו זעסט. אויב אונטער די הענט וועסטו טרעפן א קלאָץ אָדער אן אייַזערנעם שטעקן, שטעק אריַין צווישן דער רויפע און ראָד; די רויפע וועט צעשעדיקט ווערן און דער טאנק וועט זיך אָפשטעלן. ארבעט דרייסט און געדענק, אז אויב דו ביסט נאָענט פון א טאנק, וועט ער דיר גארנישט ניט קענען טאָן.—דו געפינסט זיך אין טויטן רום.

חאנט־ביכל פארן קעמפער וועגן געמיינזאמע אָפעראציעס מיט די טאנקעס.

קעדיי צו ארבעטן מיט דערפאָלג צוזאמען מיט די טאנקעס, דארף יעדער קעמפער פון דער רויטער ארמיי וויסן פאָלגנדיקע גרונט־קלאָלים:

אויב דיר קומט אויס צו אָנגרײַפן צוזאמען מיט די טאנקעס, סטארע זיך ניט אונטערגיין הארט צו זיי און זעץ

יך ניט אפן עק פון טאנק בייס ער באוועגט זיך. געדענק, אז דער פייער, וואָס איז געווענדעט אפן טאנק, וועט טרעפן אויך דיר.

אויב דער טאנק איז געבליבן שטעקן נאָענט לעבן דיר אין א שוץ־גראָבן, קאנאווע אָדער אזוי א גרוב, קום אים צוהילף מיט וואָס דו קענסט, געדענק, אז א קעגנזייטיקע הילף און אן אויסלייזונג אינ שלאכט — דאָס איז א גאראנטיע פון דערפאָלג.

אויב דער טאנק וועט פארבייגיין א קוילנוואָרפער אָדער א הארמאט פון סוינע און וועט זיי ניט באמערקן, סטארע זיך פארניכטן זיי מיט די אייגענע מיטלען. געדענק, אז די אָנוועזנהייט פון א טאנק נעמט ניט אראָפּ פון דיר די פאראנטוואָרטלעכקייט צו קעמפן קעגן די פייער־פונקטן פון סוינע, א באזונדער אכט לייג אף צו פארניכטן דעם הארמאט: א הארמאט קען פארניכטן א טאנק און א טאנק — איז דיין טרייער געהילף.

געדענק, אז דער ערגסטער סוינע פון א טאנק — דאָס איז א קעגנטאנק־הארמאט. גלייך ווי דו אנטדעקסט אים, סטארע זיך טייקעף אָנווייזן דעם טאנק און דיינע שכיינים אף דעם הארמאט און נעם טייקעף אָן מיטלען צו פארניכטן אים מיט זיין דינערשאפט.

בייס די טאנקעס באטאקירן די קוילנוואָרפער־נעסטן און קעגנטאנק־הארמאטן, סטארע זיך מיט דער גאנצער קראפט פון דעם אייגענעם פייער אונטערהאלטן די טאנקעס, קלאפּ איבער דער הארמאטן אין קוילנוואָרפער־רינער שאפט פון סוינע.

אונטערהאלטנדיק די טאנקעס מיט אייגענעם פייער, שיס
איבערן סוינע צווישן די טאנקעס און איבער זיי, האָב ניט
מוירע, אז דו וועסט זיי שאָדן מיט דיין פייער: די טאנקעס
זיינען פון אלע זייטן גוט באשיצט פון די ביקסן־און קוי־
לנווארפער־קוילן און דיין שיסעריי וועט זיי קיין שאָדן
ניט ברענגען!

איינ אן אטאקע צוזאמען מיט די טאנקעס סטארע זיך
ניט אָפשטיין ווייט פון זיי — ניט מער פון 300—200 מ.—
וואָרעם אנדערש וועט דער דערפאָלג פון די טאנקעס באַ־
צייטנס ניט פארפעסטיקט ווערן און וועט פארפאלן ווערן
אָן קיין שום נוצן. געדענק, אז די טאנקעס קענען לייכט
פארכאפן דעם סוינעס פעסטונגען, אָבער איינהאלטן דאָס
דעראָבערטע מיט די אייגענע קויכעס איז קימאט ווי זיי
קענען ניט.

באוועגנדיק זיך צוזאמען מיט די טאנקעס, געדענק וועגן
א מאסקירונג, באנוץ זיך מיט יעדער גריבל, בערגל, קאַ־
נאווע און סטעזשקע.

אויב אונדזער טאנק האָט זיך ארייַנגעריסן אין א שוץ־
גראָבן און קען אים אזוי גרינג ניט אָפרייניקן פון סוינע
העלף דעם טאנק מיט דיין פייער, באגנעט אָדער גראנאטע:

אויב אינדערצייט פון שלאכט וועט מען דיך בעטן פון
טאנק אָנווייַזן די שיס־צילן אָדער איבערגעבן די אופגאבע
פון דיין אָפטייל (טייל), סטארע זיך טייקעף ענטפערן שנעל
און דייטלעך אף אלע פארגעבענע פראגן און וויַיז אָן די
שיס־צילן, וואָס די האָסט געזען.

אויב די טאנקעס האָבן זיך פארהאלטן און קענען ווײַ־
טער ניט גיין, זעץ פאַר דײַן אָנגריף צוזאמען מיט דײַן
אָפטײל אָן דער שטיצע פון די טאנקעס. יעדער קעמפער
דארף וויסן, אז די טאנקעס מאלטן נאָר אונטער די אינ־
פאנטעריע אין א שלאכט, אָבער זיי פארבײַטן זי ניט.

אויב דער טאנק איז אונטערגעקלאפט, איז קאליע גע־
וואָרן (האָט ארויסגעוואָרפן א רויטע פאָן), סטארע זיך אום
יעדן פרײַז אונטערגיין צו אים און קומען אים צוהילף.

АНА 30 кап.

פּרײַז 30 קאָפּ.

НА ЯЎРЭЙСКАЙ МОВЕ

Амосаў

Танкі ў баі

Дзяржаўнае Выдавецтва Беларусі

Мінск — 1932

НА ЕВРЕЙСКОМ ЯЗЫКЕ

Амосов

Танки в бою

Государствен. Издательство Белоруссии

Минск — 1932